הערשל־צבֿי כּנר

# דער קלאָון פֿון אוישוויץ



דערציילונגען

ביבליאָטעק פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור



ISBN 978-965-7094-86-0

# הערשל-צבֿי כּנר / דער קלאָון פֿון אוישוויץ



ביבליאָטעק פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור

4

הרשות הלאומית לתרבות היידיש
נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור

Herszl Tswi Kanar
Der Kloun fun Oyshwits

הרשל צבֿי כּנר
# הליצן מאושוויץ

Herszl Tswi Kanar©Copyright, 2007

כל הזכויות שמורות

הילע, סעריע־לאָגאָ און צייכענונגען – משה הימיין

*רעדאַקציע־קאָלעגיע:*

וועלוול טשערנין
מיכאל פֿעלזענבאַום
ישׂראל רודניצקי
דובֿ־בער קערלער
מאַרעק טושעוויצקי, פּוילן



אינעם בוך איז אָפּגעהיט געוואָרן די אָריגינעלע סטיליסטיק פֿונעם מחבר

דאָס בוך גייט אַרויס מיט דער הילף פֿון
נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור

געדרוקט אין דפוס שחף

**Printed in Israel, 2016**

געדרוקט אין ישׂראל, תשע״ו

הערשל־צבֿי כּנר

# דער קלאָון פֿון אוישוויץ

דערציילונגען

תּל־אָבֿיבֿ

תּשע"ו – 2016



הערשל־צבֿי כּנר איז געבוירן געוואָרן אין 1929־טן יאָר אין אַ קליין פּויליש שטעטל סקאַלבמיעזש. אין דער צײַט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער דורכגעלעבט די ״גליקן״ פֿון זעקס נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, צווישן זיי אויך דעם פֿאַרניכטונג־לאַגער בוכענוואַלד. נאָך דער באַפֿרײַונג האָט ער אין יאָר 1946 עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל און זיך באַזעצט אינעם קיבוץ משמר־השרון. ווי אַ שלאַכטמאַטראָס האָט הערשל־צבֿי אָנטייל גענומען אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה. אין די פֿופֿציקער יאָרן האָט ער שטודירט פּאַנטאָמימע־קונסט אין מדינת־ישׂראל און שפּעטער אין פֿראַנקרײַך און אָנגעהויבן אויפֿטרעטן מיט זײַנע אייגענע פֿאָרשטעלונגען אין אייראָפּע, אַמעריקע און קאַנאַדע. אין די אַכציקער יאָרן האָט הערשל־צבֿי כּנר אָנגעהויבן פּובליקירן זײַנע דערציילונגען אין ליטעראַרישע צײַטשריפֿטן אין אַמעריקע. אין 1990 האָט ער זיך אומגעקערט קיין ישׂראל און ממשיך געווען אויפֿצוטרעטן ווי אַ פּאַנטאָמימיקער, אָבער איבער הויפּט געווען באַשעפֿטיקט ווי אַ ייִדישער שרײַבער.

הערשל־צבֿי כּנר איז נפֿטר געוואָרן אין תּל־אָבֿיבֿ אין 2009.

# אַ קינד מיט טרויעריקע אויגן

– אין מײַן געבורטסטאָט־מעטריקע בין איך פֿאַרשריבן ווי ״הערשל קאַנאַר״, און אַזוי וויל איך עס זאָל שטיין אויפֿגעשריבן אויף מײַן נײַ בוך, – הערשל־צבֿי כּנר, ״דער קלאָון פֿון אוישוויץ״, – און צבֿי האָט אַרויפֿגעלייגט אויפֿן טישל אַ קופּע ״האַנטעכער״, אויפֿגעשריבענע מיט גרויסע פֿליִענדיקע ״קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס״, ווי ער אַליין פֿלעגט אָנרופֿן זײַנע כּתבֿ־ידן.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דאָס בוך איז געווען גרייט צום דרוק, נאָר צבֿי האָט זיך ממש געטשעפּעט צו יעדעס וואָרט, צו יעדן זאַץ, – דאָ עפּעס געביטן, דאָרט עפּעס אויסגעמעקט, און אַזוי – אַ גאַנץ יאָר, אָן אַ סוף...

דאָס בוך ״דער קלאָון פֿון אוישוויץ״ האָט געזאָלט אַרויסגיין אין 2009. אַזוי האָט פּלאַנירט דער מחבר, – אַ מתּנה זיך אַליין צו זײַנע אַכציקער, ״לגבֿורה״, אָבער אַ קלאָון בלײַבט דאָך אַ קלאָון, אַפֿילו ווען ער איז אַ געניטער קאַצעט־קלאָון, וואָס איז אַרויס לעבעדיק פֿון צוויי טויטן־מאַרשן, – אַ קלאָון שפּילט אָפּ אַ שפּיצל, זײַן נשמה קוועלט, ער טונקט אײַן טרויער אין יום־טובֿ, און אין אַזאַ דערהויבענער פֿרײלעכער אַטמאָספֿער, אום ליכטיקן שבת, פֿאַרקלײַבט זיך דער גוט־אויסגעמוטשעטער קלאָון אַהין, אין דער אייביקייט.

ער איז געווען אַ קעמפֿער אַן עקשן, – געבוירן געוואָרן אין אַ חסידישער משפּחה און זײַן גאַנץ לעבן האָט ער זיך געקריגט מיט גאָט; פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און ניט אויפֿגעהערט צו שאַפֿן נײַ לעבן אויף דער בינע און אויף די זײַטלעך פֿון זײַנע דערציילונגען; געהאַט אַ שטיל־הכנעהדיקע נשמה פֿון אַ שעפֿעלע און איבערגעלאָזט נאָך זיך שלאַכטפֿעלדער, פֿאַרשאָטענע מיט אָנצאָליקע אײגענע און פֿרעמדע מפּלות און נצחונות... עס קען זײַן, אַז הערשל־צבֿי כּנר איז געווען איינער פֿון די לעצטע קאַצעט־שרײַבערס, וועלכע האָבן געשריבן נאָר אויף מאַמע־לשון, און אויך דאָס איז געווען אַ בולטער שטריך פֿון זײַן קעמפֿערישן כאַראַקטער, צו זײַן און בלײַבן געטרײַ זײַן מאַמען, זײַן מאַמע־לשון און זײַן מוזע – דעם ריינעם און ביטערן קונסט־און־לעבן־אמת.

מיכאל פֿעלזענבאַום



# יהושוע

אַ מאַרצאָווע זונטיק פֿאַרמיטאָג. און כאָטש דער הימל איז פֿאַרזייט מיט גרויסע און קליינע כמאַרלעך, וואַרעמט די זון און היַיעט אויף דער פֿאַרפֿרוירענער ערד פֿונעם לאַנגן ווינטער. פֿון דער קליינער גאָטישער קירכע פֿונעם דערבײַיִקן שטעטל לאָזט זיך געמיטלעך אַרויס אַ מאַסע מענטשן פֿון גאָטסהויז. לויט דער שטימונג און קליידונג פֿון די מענטשן האָט גאָט באַוויליקט זייער געבעט. אַ טייל פֿון די מענטשן גייען באַזוכן די קרעטשמעס און די שענקען פֿונעם שטעטל, די אַנדערע גייען גלײַך אַהיים אין זייערע דערפֿער און אָשעדלעס. טייל גייען צו פֿוס און די מער פֿאַרמעגלעכע – אויף ברישקעס צי סתּם וועגענער, טייל אין איין אָדער צווייגעשפּאַן און טייל אַפֿילו אין פֿירגעשפּאַן. ניט ווײַט, לעבן אַ שמאָל פּויליש וועגל, צווישן ווילדע קוסטעס ליגט אויסבאַהאַלטן אַ ייִדישע פֿאַמיליע. ר׳ יוסף, זײַן ווײַב מרים, זייער דרײַצניאָריקער זון יעקבֿ און זיבניאָריקער זון יהושוע. ר׳ יוסף קוקט פֿאָרזיכטיק אַרויס פֿון צווישן די קוסטעס און מאַכט אַ צייכן מיטן פֿינגער צו זײַן פֿאַמיליע, אַז זיי זאָלן בלײַבן שטיל. ״איצט, - זאָגט ער שעפּטשנדיק, – קיין איין האָרכעץ! דער מינדסטער האָרכעץ און מיר זענען פֿאַרלוירן. די ערלים גייען פֿון זייער געבעט און דאָס בלוט קאָכט אין זיי. פֿיר קילאָ צוקער קענען זיי פֿאַר אונדז באַקומען, מישטיינס געזאָגט. אוי, רבונו־של־עולם, צו וואָס מיר האָבן דערלעבט, אַז אַ ייִד איז הײַנט ווערט אַ קילאָ צוקער.״

זיי בלײַבן שטיל ליגן, מוראדיק אַפֿילו צו אָטעמען. אין זייערע אויגן טויטשרעק. אויפֿן וועג פֿאָרן פֿאַרבײַ פּויערים און עס ווערט צוריק שטיל.

„הערסט, מירל, – זאָגט ר׳ יוסף צו זײַן ווײַב, – השם שטראָפֿט אונדז שרעקלעך.“

„דו דאַרפֿסט מיר דאָס ניט זאָגן, כ׳זע אַלץ אַליין.“

„כ׳זאָל זיך ניט פֿאַרזינדיקן מיט די רייד, – זאָגט ר׳ יוסף, – איך וואָלט, אָבער, זייער געוואָלט וויסן פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס קומט עס אונדז?! זעסט דאָס מײַזל לעבן אונדז? ס׳איז אים ווילער פֿון אונדז, טויזנט מאָל ווילער. ער קריכט זיך רויִק און קיינער טשעפּעט אים ניט.“

ער קוקט אויף די קינדער.

„און מיט וואָס האָבן זיך די קינדער פֿאַרזינדיקט? מיט וואָס?! יעקבֿ ווערט ערבֿ פּסח בר־מיצווה.“

„טאַטע, – רופֿט זיך אָן יעקבֿ, – איך האָב זייער געוואָלט דערלעבן תּפֿילין צו לייגן.“

„אויך איך, – רופֿט זיך אָן יהושוע, – אויך איך וויל דערלעבן תּפֿילין צו לייגן.“

אין די אויגן פֿונעם פֿאָטער שטיין טרערן. די מוטער צעוויינט זיך און פֿאַרדעקט זיך דאָס פּנים מיט די הענט.

„יאָ, – זאָגט ר׳ יוסף ווי צו זיך אַליין, – מיר האָבן געזינדיקט, וואָס מיר זענען געלאָפֿן זיך אויסבאַהאַלטן און ניט געגאַנגען מיט אַלע ייִדן, מיט כּלל־ישׂראל. וואָס עס איז געשען מיט אַלע ייִדן וואָלט געשען מיט אונדז. אַזוי האַנדלט אַ ייִד. און ניט לויפֿן צו באַרטשינסקין זיך אויסבאַהאַלטן ווי אַ מויז. און איצט וועט ער אונדז אויסטרײַבן, ערגער ווי אַ הונט.“

„אָבער באַרטשינסקי האָט אויך אַ פֿאַמיליע, און דאָס גאַנצע דאָרף האָט שוין גערעדט, אַז ער באַהאַלט אויס ייִדן.“

״איך פֿאַרשטיי, באַרטשינסקי איז ניט דער ערגסטער. ווען אַלע גויִים וואָלטן געווען ווי באַרטשינסקי וואָלט די וועלט געהאַט אַ גאַנץ אַנדער פּנים. כאָטש ער האָט גאָרניט צוגעלייגט צו דעם געשעפֿט, מיר האָבן פֿאַר אַלעס נישקשה באַצאָלט, מיר האָבן דאָך אים אַלץ אַוועקגעגעבן, אַפֿילו די...״

״ש־ש־ש־ש!... – רופֿט זיך אָן יהושוע, – איך הער אַ גערויש...״

דאָס ייִנגל האָט קוים אַרויסגערעדט זײַנע ווערטער, ווי אַ מאַן איז פֿאַר זיי שטיין געבליבן. זעט אויס, געוואָלט משתּין זײַן. פֿון איבערראַשונג האָט זיך דער פֿרעמדער געוואָלט צוריקציִען, אָבער ער איז ווי פֿאַרשטיינערט געוואָרן, מיט צעעפֿנטע אויגן.

לאַנגע רגעס האָט געדויערט ביז ער איז צו זיך געקומען. דערזעענדיק ווי די מענטשן ליגן, אין שרעק האָט ער אַ זאָג געטאָן:

**"Nie bójcie się, jestem człowiekem",**

״האָט ניט מורא, איך בין אַ מענטש.״

**"My także ludzie",**

״מיר זײַנען אויך מענטשן, – האָט ר׳ יוסף געענטפֿערט.

״איך זע, – האָט דער פֿרעמדער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיטן זעלבן אָטעם אויסגערופֿן צום הימל:

**"Boże, Boże, patrz no się, jak twój wybrany Naród wygląda",**

״גאָט, קוק זיך צו ווי דײַן אויסדערוויילטער פֿאָלק זעט אויס.״

קען איך זיך פֿאָרשטעלן? יאַראָש, אַ לערער פֿון סקאַלבמיעזש. עס איז געפֿערלעך דאָ צו בלײַבן. די גאַנצע געגענט איז ׳יודנפֿרײַ׳. צי

ווייסט איר ניט, אַז פֿאַר צוויי קילאָ צוקער קאָן מען אײַך איבערגעבן דער פּאָליציי?״

״ניין, מײַן הער, – ענטפֿערט ר׳ יוסף, – פֿיר קילאָ צוקער זענען מיר ווערט, אָדער איז אונדזער פּרײַז געפֿאַלן?״

״טײַערער הער, – זאָגט דער פֿרעמדער מאַן, – איר זײַט גערעכט. פֿיר קילאָ צוקער. אָבער איר דאַרפֿט וויסן, אַז די גאַנצע געגנט רויעט מיט שוואָבן און צו אונדזער שאַנדע אַרבעטן מיט מיטן טײַוול אַ סך אונדזערע מענטשן. אַ דרײַ הונדערט וויאָרסט צום מערבֿ, אין די פֿאַבריקן, וואָס געפֿינען זיך אין די וועלדער אַרבעטן דאָרט ייִדן. גייט אין דער ריכטונג, – האָט ער אָנגעוויזן מיטן פֿינגער, – איך וואָלט אײַך געראָטן צו גיין נאָר בײַ נאַכט. און זאָל אײַך גאָט באַשיצן.״

ר׳ יוסף מיט זײַן משפּחה דרעפּטשען אויסגעמאַטערטע אין איינעם אַ פֿרימאָרגן אין וואַלד. זיי גייען שוין אַזוי זייער לאַנג. צווישן דעם געדיכטן וואַלד שלאָגט אַדורך די פֿרילינגזון. אַלץ אַרום איז רויִק און ר׳ יוסף זאָגט תּפֿילת־שמע.

״האַלט! שטיין בלײַבּ!״ – דערהערט זיך אַ געשריי. עס קומען צו צוויי יונגע מענטשן מיט ביקסן אויסגעשטרעקט צו זיי. בלויז זייערע היטלען זײַנען מיליטערישע, מיט פֿיר שפּיצן, און פֿון פֿאָרנט צוגעטשעפּעט אַ פּוילישער אָדלער מיט אַ קרוין אויפֿן קאָפּ. איינער פֿון די צוויי רופֿט אויס ״**Żydy**״, און באַפֿעלט, – ״פֿאָרויס!״

ר׳ יוסף נעמט אָן מוט און פֿרעגט: ״מײַנע הערן, וווּהין פֿירט איר אונדז?״

ער קריגט פֿון אונטן אַ שלויס מיט דער קאָלבע פֿון דער ביקס מיט אַן ענטפֿער: ״דאָס איז ניט דײַן עסק, זשיד, גיי אַזוי, ווי איך הייס דיר.״

זיי קומען צו אַן אָרט, ווו די ביימער זענען נאָך געדיכטער. איינער פֿון די פּאַרטיזאַנער מאַכט עטלעכע שריט פֿאָרויס צווישן די ביימער און גיט אַ סווישטשע ווי אַ פֿויגל. עס דערהערט זיך אַ קול: "Znak", אַ צייכן. "Kościuszko", – ענטפֿערט דער פּאַרטיזאַנער און גיט צו – "Mamy czarnych ptaków", מיר האָבן שוואַרצע פֿייגל.

גלײַך באַווײַזן זיך פֿון צווישן די ביימער דרײַ פּאַרטיזאַנער מיט אַן אָפֿיציר. איינער פֿון די צוויי גייט צו און מעלדעט, –"Panie poruczniku", הער פּאָרוטשניק, מיר האָבן די זשידעס געטראָפֿן אין וואַלד."

"פֿון וואַנען נעמט איר זיך דאָ?" – פֿרעגט דער פּאָרוטשניק.

"פּאַניע פּאָרוטשניק, דאָס איז מײַן פֿאַמיליע, – ענטפֿערט ר' יוסף, – מיר גייען צו די פֿאַבריקן, ווו עס זײַנען נאָך דאָ ייִדן."

"ווו זענט איר געווען די גאַנצע צײַט אויסבאַהאַלטן?"

"אַ גוטער מענטש האָט אונדז אויסבאַהאַלטן."

"זשיד, איך פֿרעג דיך ניט קיין קאָמענטאַרן. איך וויל וויסן דעם נאָמען און אָרט פֿונעם הירישן פֿאַרעטער, וואָס באַהאַלט אויס ייִדן."

"איך קען דעם מענטש ניט, מיר האָבן אים באַצאָלט און ער האָט אונדז אויסבאַהאַלטן. איצט ווילן מיר גיין אַהין, ווו עס זײַנען נאָך פֿאַראַן ייִדן."

"עס זענען מער ניט פֿאַראַן קיין ייִדן אין פּוילן, – האָט דער פּאָרוטשניק אויסגערופֿן, – און אויב עס זײַנען נאָך געבליבן ייִדן וועלן מיר זיי פֿאַרטיק מאַכן. איצט, ייִד, אַהער מיטן גאָלד און בריליאַנטן, וואָס דו באַהאַלטסט."

״פֿראָשען פֿאַנאַ, – האָט זיך מירל געבעטן, – מיר האָבן גאָרניט און דאָס ביסל געלט, וואָס מיר האָבן געהאַט האָבן מיר שוין אַוועקגעגעבן.״

״איך זע, אַז דו האָסט אַ גאָלדן רינגל. צי עס שוין אַראָפּ! און ווּ איז דאָס רעשט גאָלד מין געלט?״

מירל נעמט אַרונטער דאָס קידושין־רינגל און ר׳ יוסף נעמט אַרויס אַ פּאַפּירל פֿון פֿינף הונדערט זלאָטעס און זאָגט: ״דאָס וואָס ס׳איז אונדז נאָך געבליבן. גיט עס דעם פּאָרוטשניק.״

״איר דאַרפֿט מער ניט גאָר! און וואָס האָסטו אינעם זעקל?״

״דאָס איז מײַן טלית און תּפֿילין.״

״פֿון איצט אָן דאַרפֿסטו מער ניט בעטן צו דײַן ייִדישן גאָט, ער וועט זיך באַלד מיט דיר אויבן פֿרייען, – און צו די פּאַרטיזאַנער, וואָס שטייען אַרום, – צובינדן זיי אַלע צו די ביימער און פֿאַרטיק מאַכן!״

״Polacy! Patrioci!, – שרײַט אויס ר׳ יוסף, – וואָס טוט זיך מיט אײַך? צי האָט איר ניט קיין גאָט אין האַרצן? שעמען מעגט איר זיך! גאָט וועט אײַך דאָס ניט שענקען!״

״האַלט דײַן פּיסק, זשיד! רעד מיר ניט פֿון גאָט, דו, גאָטס מערדער! גאָטס פֿאַרלייקענער.״

״קינדער, זאָגט ווידוי. בעסער צו שטאַרבן איידער צו לעבן אויף אַזאַ זינדיקער ערד...״

מירל ברעכט אויס אין אַ געוויין און טוליעט צו זיך צו די קינדער. ר׳ יוסף טוט אָן טלית און תּפֿילין און זאָגט: ״מײַנע טײַערע, מיר גייען אויף קידוש־השם. מיר האָבן די זכיה צו שטאַרבן אויף קידוש־השם. דאָס איז די גרעסטע מיצווה פֿאַר ייִדן!״

די פּאַרטיזאַנער שטייען אַרום, אויסגעשטעקט מיטן געווער און וואַרטן אויף אַ באַפֿעל.

״אויסטועז זיך״, – באַפֿעלט דער פּאָרוטשיק.

״קינדער, – זאָגט ר׳ יוסף, – מיר בלײַבן אָנגעטאָן.״

״אויסטועז זיך, האָב איך באַפֿוילן!״ – שרײַט דער פּאָרוטשיק.

״ניין, דאָס ניט, מיר ווען שטאַרבן אָנגעטוענערהייט. מײַנע גוטע געמזאָווע שטיוול וועסטו מוזן אַרונטערציִען פֿון מײַן טויטן קערפּער.״

״צובינדן זיי צו די ביימער״, – באַפֿעלט דער אויפֿגערעגטער פּאָרוטשיק.

״אויך דאָס ניט, – ענטפֿערט ר׳ יוסף רויִק, – מיר ווען שטאַרבן ניט צוגעבונדענע, נאָר דאָ, אויפֿן אָרט.״

צוויי פּאַרטיזאַנער פּרובירן מיט כּוח צושלעפּן מירלען מיט די קינדער צו אַ בוים. אין איין אויגנבליק גיט דער קליינער יהושוע אַ שפּרונג אַרײַן צווישן די געדיכטע ביימער און פֿאַרשווינדט.

די פּאַרטיזאַנער זענען געוואָרן אַזוי איבערגעראַשט, אַז סעקונדן לאַנג האָט געדויערט ביז דרײַ פֿון זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער ריכטונג פֿונעם ייִנגל. אָבער יהושוע איז שוין געווען ווײַט, און דער וואַלד איז געווען געדיכט. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט עטלעכע זאַלפּן אין דער ריכטונג ווו דאָס ייִנגל איז פֿאַרשוווּנדן.

״ער וועט שוין דערציילן פֿאַר דער וועלט די חרפּה, – האָט ר׳ יוסף אויסגערופֿן, – און שעמען וועט איר זיך ביזן צענטן דור...״

דרײַ סאַלוועס האָבן זיך דערהערט און דרײַ מענטשן זײַנען אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן פֿײַכטן גראָז אינעם פּרימאָרגנדיקן וואַלד.

דער קליינער יהושוע האָט געהאַלטן אין איין לויפֿן און לויפֿן. און ווען ער האָט דערהערט זאַלפֿן האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז מע האָט דערשאָסן זײַנע טײַערסטע. פֿון זײַן קינדיש האַרץ האָבן זיך אַרויסגעריסן ווערטער: "יתגדל ויתחדש שמה רבא..."

יהושוע איז געלאָפֿן זייער לאַנג, און כאָטש ער איז געווען זייער מיד און אויסגעשעפּט האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט, ביז ער איז געפֿאַלן אין חלשות, ניט קענענדיק דעם אָטעם כאַפּן.

אָט שטייט ער, יהושוע, אויף דער מיזרח־זײַט אין בית־המדרש, וווּ דער פֿאָטער האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ באַנק לעבן זיך און זײַן ברודער יעקבֿ. ער האַלט אַ גרויסן מחזור און דאַוונט מיט גרויס כוונה, קלאַפּנדיק זיך אויפֿן האַרץ: "על חטא שחטאנו לפֿניך."... דער טאַטע אינעם ווײַסן קיטל און אײַנגעהילט אינעם טלית דאַוונט אויך פֿון אַ מחזור. כאָטש אַ גאַנץ יאָר דאַוונט ער פֿון אויסנווייניק, ראָש־השנה און יום־כּיפּור, אָבער, דאַוונט ער פֿון אַ מחזור, חלילה, ניט צו פֿאַרפֿעלן קיין וואָרט. דער טאַטע קלאַפּט זיך אויפֿן האַרצן און וויינט.

פֿאַר יהושוע איז דאָס זייער פּײַנלעך. ער האָט ניט ליב, אַז זײַן טאַטע וויינט. נאָר יום־כּיפּור זעט ער דעם טאַטן וויינען און וואָלט שוין גערן, אַז דער טאָג זאָל וואָס גיכער פֿאַרבײַ. נאָך גוט, אַז ניט בלויז זײַן טאַטע וויינט, ווײַל אויך אַנדערע טאַטעס וויינען. ער האָט רחמנות ניט בלויז אויפֿן טאַטן נאָר אויך אויפֿן אָנגעפּאַקטן בית־המדרש ייִדן.

בײַם דוכענען נעמט אים דער טאַטע אַרום און הילט אים אײַן אינעם טלית, חלילה ניט צו כאַפּן קיין בליק אויף די כהנים בעת זיי בענטשן דאָס פֿאָלק ישׂראל. אין דער היץ אונטערן טאַטנס טלית פֿילט יהושוע ווי די שכינה רוט איבער זײַן קאָפּ און די קעפּ פֿון אַנדערע ייִדן. ער איז זיכער, אַז אויב ער וועט אַרויסקוקן פֿון טלית

וועט ער זען די שכינה. אָבער דעמאָלט וועט ער אויך בלינד ווערן פֿון דער ליכטיקער קדושה־פּרעכטיקייט. מיט פֿאַרמאַכטע אויגן צוליב פֿאָרכטיקייט זאָגט ער נאָך די הייליקע ווערטער פֿון די כהנים: ״וברכך ה׳ וישמרך.״..

יהושע פֿילט דעם טאַטנס האַנט אויף זײַן קאָפּ און מאַכט אויף די אויגן. ער פֿאַרשטייט ניט ווו ער איז. דאָס איז דאָך ניט ס׳בית־המדרש.

״חלום איך איצט אָדער האָב איך פֿריִער געחלומט? אָ, איך ליג דאָך אָנגעלענט מיטן קאָפּ אויף אַ שטיין, ווי יעקבֿ אָבֿינו בעת זײַן חלומען.״

ער דערמאָנט זיך אין דעם פּסוק פֿון חומש: ״ויקח מאבֿני המקום וישׂם מראָשתיו וישכּבֿ במקום ההוא.״

״אוי״, – האָט זיך אַ קרעכץ אַרויסגעריסן פֿון זײַן האַרץ, ווי בײַ אַן אַלטן מאַן, דערמאָנענדיק זיך אינעם חדר, ווו ער איז געווען דער בעסטער תּלמיד. אַ קעלט נעמט אים אַרום, ער ווייסט ניט וווּהין צו גיין. אַרום איז וואַלדיק. די זון דרינגט קוים אַדורך צווישן די געדיכטע ביימער. לויט די לויזע זונשטראַלן פֿאַרשטייט יהושע די ריכטונג צום מעריבֿ, אַזוי ווי דער פֿרעמדער מענטש האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז דאָרט זענען נאָך פֿאַראַן ייִדן.

יהושע גייט שוין אַזוי גאַנצע טעג און פֿילט זיך גוט אין וואַלד. ווען ער איז הונגעריק עסט ער שוואַרצע און רויטע יאַגעדעס, וואָס וואַקסן בשפֿע אין וואַלד. און ווער ער איז דאָרשטיק טרינקט ער דעם פֿרימאָרגנדיקן טוי. אויך מיט ווילדע עפּל און קאַשטאַנען נערט זיך דאָס ייִנגל. בײַ נאַכט גלאָצן צו אים מיט זייערע שליפֿעס פֿאַרשיידענע חיות און גייען ווײַטער. בײַ טאָג קומען צו צו אים כּל־מיני חיות און חיהלעך. ער גלעט זיי אָן מורא, געניי ווי זיי

האָבן ניט פֿאַר אים קיין מורא. אויך פֿייגל און פֿייגעלעך לאָזן זיך צו אים אַראָפּ פֿון הימל און פֿון די ביימער ווען ער עסט יאַגעדעס און ווילדע עפּל. יהושוע וואַרפֿט פֿאַר זיי צו די גוטע וואַלדפּרוכטן. איין מאָל איז צו אים צוגעקומען אַ שיינע, שטאַנדיקע, גרויסע חיה. געטראָגן האָט די חיה מיט שטאָלץ אַ קרוין פֿון געפֿלאָכטענע הויכע הערנער. יהושוע האָט אים גלײַך דערקענט פֿונעם קינדער־זשורנאַל ״פֿלאָמיק״, וואָס ער פֿלעגט לייענען אין דער היים. ״הירש״, האָט יהושוע אַ רוף געגעבן. דער הירש האָט ווי פֿאַרשטאַנען, אויסגעצויגן דעם האַלדז און פֿאַרריסן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געוועזן עפּעס בעסערס, העכערס און שענערס. יהושוע האָט אים דערלאַנגט צוויי ווילדע וואַלדעפּלעך, און אַלס דאַנק האָט דער הירש אים געלעקט ניט בלויז די האַנט, נאָר אויך דאָס פּנים.

״עס איז אַ ליגנט, אַ גרויסער ליגנט״, – האָט זיך יהושוע געטראַכט. אין וואַלד זענען ניטאָ קיין ווילדע חיות ווי מע פֿלעגט דערציילן, נאָר ווילדע מענטשן מיט געווער, וואָס דרינגען אַרײַן און הרגענען אַנדערע מענטשן.

נאָך לאַנגע טעג וואַנדערן האָט יהושוע באַמערקט, אַז דער וואַלד ווערט שיטערער. נאָך עטלעכע טריט איז יהושוע געבליבן שטיין אויסער דעם וואַלד. ער האָט זיך געוואָלט צוריקציִען אין וואַלד אַרײַן. ניט וויסנדיק פֿאַר וואָס, איז ער, אָבער, געגאַנגען ווײַטער. פֿון דער לינקער זײַט וואַלד איז געשטאַנען אַ פֿאַראיינזאַמט כאַטקעלע.

״אפֿשר צוגיין צו דער כאַטקע״, – האָט ער זיך געטראַכט, – אפֿשר וווינט דאָרט אַ גוטער פּויער און קען מיר ווײַזן דעם וועג צו די פֿאַבריקן, וווּ עס זענען נאָך דאָ ייִדן. און אפֿשר וועט ער מיר געבן אַ ביסל וואַסער?״ די פֿראַגע איז בלויז צי איז דאָרט דאָ אַ הונט. וואָלט ער בײַ זיך געהאַט אַ שטיקל ברויט, וואָלט ער

צוגעוואָרפֿן פֿאַרן הונט דאָס ברויט און זיי וואָלטן געוואָרן באַפֿרײַנדעט, אָבער יאַגעדעס און עפּל, דאָס וואָס ער האָט בײַ זיך, עסט ניט קיין הונט. מיט אַ מאָל האָט זיך דער קליינער יהושוע געפֿילט זעלבשטענדיק, אַ דערוואַקסענער, וואָס מוז אַליין באַשליסן וועגן זײַן גורל. נישט מער טאַטע־מאַמע צי זײַן עלטערער ברודער יעקבֿ, וואָס פֿלעגן פֿאַר אים באַשליסן וואָס צו טאָן. און באַשלאָסן האָט ער צוגיין צו דער כאַטקע. באַלד האָט ער דערהערט בילן פֿון אַ הונט. צום גליק איז דער הונט געווען צוגעבונדן אויף אַ קייט. אַן עלטערער פּויער איז אַרויסגעקומען און ווי נאָר ער האָט דערזען דאָס ייִנגל האָט ער זיך איבערגעצלמט. יהושע האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און אים באַגריסט:

**"Szczęść Boże! Daj panie Boże!"**

האָט דער פּויער געענטפֿערט: "וואָס זוכסטו דאָ, קליינער? וואָס, דו ביסט אַ ייִד?"

"יאָ, מײַן הער, איך בין אַ ייִד. איך וויל זיך בײַ אײַך פֿרעגן ווו איז דער וועג צו די פֿאַבריקן, ווו ייִדן אַרבעטן דאָרטן?"

"צו די פֿאַבריקן פֿון טויט ווילסט גיין? דאָס איז ניט אַזוי ווײַט. אַ דרײַ וויאָרסט פֿון דאַנעט הייבן זיך ווידער אָן די וועלדער, ווו די פֿאַבריקן געפֿינען זיך. קום אַרײַן, קליינער, אין דער כאַלופּע, אַז קיינער זאָל דיך ניט זען, עס איז געפֿערלעך."

אין דער שטוב איז געשטאַנען אַ טיש מיט פֿיר בענקלעך, אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ פֿאַרפֿײַניקטער יויזל מיט אַ גרויסער איקאָנע פֿון דער הייליקער מוטער.

"כ'זע, אַז דו ביסט אויסגעהונגערט. אָט האָסטו ברויט מיט מילך. ווי אַלט ביסטו? זיבן יאָר, זאָגסטו? יאָ, שווערע צײַטן, זייער שווערע צײַטן. אַ פֿאַרשאָלטענע מלחמה! מענטשן שטאַרבן ווי

פַליגן. אין וואַלד, ווּ איך בין לעשניצע, שומר פֿון וואַלד, ליגן פֿיל דערשאָסענע ייִדן און פּאַרטיזאַנער. די זעלבע פּאַרטיזאַנער, וואָס דערשיסן ייִדן, ווערן שפּעטער דערשאָסן דורך די דײַטשן. אַ צעדרייטע וועלט. מענטשן זענען ערגער ווי די חיות. געווען אַ שיינע וועלט און די מענטשן האָבן זי צעבערעט. קיין מאָל ווערט שוין די וועלט ניט זײַן די זעלבע וואָס אַ מאָל. יאָ, געווען אַ וועלט... אויך פּרנסה איז געווען.

יעדן חודש פֿלעגט דאָ באַזוכן אין וואַלד פּאַן ווישניאַק. אַ זייער רײַכער ייִד. גראַדע אַן אָרנטלעכער ייִד. געהאַנדלט מיט האָלץ. געגעבן פּרנסה פֿאַר אַ סך האָלצזעגערס און האָלצהאַקערס. אויך איך האָב צו דעם ניט צוגעלייגט. אָפֿט מאָל איבעגענעכטיקט בײַ מיר אין הויז. געהאַט דאָ אַ זויבערן צימער, ספּעציעל צוגעגרייט פֿאַר אים, פֿאַר פּאַן ווישניאַק. און ער האָט גוט באַצאָלט. געבראַכט מתּנות פֿאַר מײַן אַלטע און זיסוואַרג פֿאַר מײַנע מיזיניקלעך.

יאָ, געווען אַ וועלט... ווי הייסטו? יהושע זאָגסטו? אָבער ווי רופֿט מען דיך אויף פּויליש? אויך אויף פּויליש רופֿט מען דיך יהושוע? אַ שווערער נאָמען. נו, ביסט דאָך אַ ייִד. ס'וואָלט אָבער גוט געווען אַז דו זאָלסט גיין באָרוועס. אַ פּויעריש ייִנגל טראָגט ניט קיין שיך. אַחוץ זונטיק אין קאָשטשאָל אַרײַן, און אויך ניט שטענדיק. אויך דײַנע מלבושים, וואָס דו טראָגסט זײַנען צו שיין, פֿון אַ שטאָטישן. מע זעט גלײַך, אַז דו ביסט אַ ייִד. אָט האָסטו אַ פּויעריש רעקל מיט הויזן פֿון מײַן מיזיניקל. טו זיך איבער. עס מאַכט ניט אויס, אַז דאָס רעקל איז צו גרויס. אַצינד זעסטו אויס ווי אַן עכט פּויליש ייִנגל, מיט דײַנע העלע האָר און בלאָע אויגן. און רעד ניט קיין שטאָטיש פּויליש, נאָר פּויעריש. קום, עס איז שוין פֿינצטער אין דרויסן. איך וועל דיר ווײַזן דעם וועג. איך וועל גיין

פֿון פֿאָרנט און דו וועסט מיך פֿון ווײַטנס נאָכפֿאָלגן. מע טאָר אונדז ניט זען צוזאַמען, עס איז געפֿערלעך.״

יהושוע איז דעם פֿויער נאָכגעגאַנגען אַ צוואַנציק מעטער פֿון הונטן. עס איז געווען חושך מצרים. בלויז אַ האַלבע לבֿנה האָט זיך פֿון צײַט צו צײַט באַוויזן פֿון צווישן די כמאַרעס און זיי גלײַכגילטיק באַגלייט. לאַנג זענען זיי אַזוי געגאַנגען ביז דער פֿויער איז געבליבן שטיין. יהושוע האָט זיך צו אים דערנענטערט.

״אַצינד, קליינער, וועסטו מוזן אַליין גיין. נאָך אַ צוויי ווייאָרסט און דער וואַלד הייבט זיך ווידער אָן. אָט דאָס וועגל, וואָס מיר זענען געגאַנגען, פֿירט צום וואַלד און דאָס זעלבע וועגל דורכן וואַלד פֿירט גלײַך צו די פֿאַבריקן. פּאַס אויף, אַז קיינער זאָל דיך ניט זען. גאָט זאָל דיך באַשיצן פֿון שלעכטע הענט.״

״אַ דאַנק, מײַן הער, און גאָט זאָל זײַן מיט אײַך״, – האָט יהושוע געענטפֿערט.

ווידער איז יהושוע אַליין אויף דער וועלט. ער איז געגאַנגען זייער פֿאָרזיכטיק, מיט אָנגעשפּיצטע אויגן און אויערן אויף יעדער געפֿאַר. ניט פֿון פֿירפֿיסיקע ציטערט יהושוע נאָר פֿון צווייפֿיסיקע. אָט בלײַבט ער שטיין ווי פֿאַרגליווערט. ער הערט אַ גערויש און זײַן האַרץ שטעלט זיך אָפּ. דאָס האָבן זיך דיביימער אין וואַלד צעוויגט און די בלעטער צאָרנדיק געפּאַטשט, אַפֿילו אַז קיין ווינט איז ניט געווען. אפֿשר צוליב דעם ערגסטן וואָס ס׳דערוואַרט דעם ייִנגל. וואָלטן די ביימער געקענט רעדן אַ מענטשלעך לשון, וואָלטן זיי אים געוואָרנט צו בלײַבן מיט זיי אין וואַלד און ניט צו גיין אַהין וווּ עס געפֿינען זיך מענטשן.

לאַנג איז נאָך יהושוע געגאַנגען, זייער לאַנג, ביז ער האָט באַמערקט פֿון דער ווײַטנס צווישן די ביימער דאָס פּינטלען פֿון

ליכט. אפֿשר זענען דאָס די פֿאַבריקן ווו עס געפֿינען זיך ייִדן? ער איז אַראָפּ פֿונעם וועגל טיף אינעם וואַלד איבערנעכטיקן. און ווידער האָט יהושוע באַמערקט, אַז ער ליגט אָנגעלענט מיטן קאָפּ אויף אַ שטיין. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין דעם פּסוק פֿון חומש: ״ויקח מאבני המקום וישׂם מראשתיו וישכב במקום ההוא.״

״אוי״, – האָט זיך אַ קרעכץ אַרויסגעריסן פֿון זײַן האַרץ ווי בײַ אַן אַלטן מאַן דערמאָנענדיק זיך אינעם חדר, ווו ער איז געווען דער בעסטער תּלמיד. ווידער האָט זיך יהושוע געפֿילט ווי אַ דערוואַקסענער, אַז ער מוז אַליין דעצידירן וועגן זײַן גורל. ער האָט נאָך ניט פֿאַרשטאַנען, אַז קיין גורל באַשטייט מער ניט פֿאַר ייִדן און באַשטימט ניט קיין נסים, קוים אפֿשר אַ צופֿאַל, און אויך דאָס ניט.

שטעכעדיקע שטראַלן פֿון דער זון האָבן אים אויפֿגעוועקט פֿונעם שלאָף. פֿאָרזיכטיק איז ער צוגעגאַנגען צום וועגל וואָס האָט געפֿירט צו די פֿאַבריקן, וואָס מע זאָגט, אַז דאָרט אַרבעטן ייִדן. מיט אַ מאָל , ווי אָן אַ וואָרענונג, האָט זיך דער וואַלד אָפּגעהאַקט. פֿון דער ווײַטנס האָט ער דערזען הויכע קוימענס און מאָדנע ריזיקע הײַזער אָן פֿענצטער. אַרום האָט זיך געצויגן אַ הויכער מויער מיט שטעכלדראָטן פֿון אויבן. פֿאָרזיכטיק האָט זיך יהושוע דערנענטערט צווישן דעם ווילדן באַוואַקסענעם הויכן גראָז אַרום דעם מויער, אַז מע האָט אים קוים אַרויסגעזען. ער האָט באַמערקט אַ גרויסן טויער, ווו מענטשן גייען אַרײַן אָדער פֿאָרן אַרײַן אויף די ראָווערן. פֿאַרן טויער איז געשטאַנען אַ באַוואָפֿנטער וואַכמאַן. יהושוע האָט דאָס אַלץ אָבסערווירט פֿון דער ווײַטנס און ניט געוווּסט ווי אַזוי ער קען אַרײַן דורכן טויער. און צי בכלל איז אמת, אַז אין די פֿאַבריקן אַרבעטן ייִדן.

טייל מענטשן גייען און פֿאָרן פֿאַרבײַ גאַנץ נאָענט לעבן אים, אָבער קיינער קוקט זיך אַפֿילו אויף אים ניט אָן. אפֿשר זאָל איך עמעצן פֿרעגן, טראַכט זיך יהושוע. אָבער די מענטשן זענען אין גרויס אײַלעניש, זעט אויס, צו דער אַרבעט, און ער האָט מורא צו פֿרעגן.

״וואָס גאַפֿעסטו זיך, קליינער? – פֿרעגט אים פּלוצלינג אַ מאַן, – ווייסטו ניט, אַז די וואַכמענער האָבן דאָס ניט ליב? דו האָסט עמעצן וואָס אַרבעט דאָ אין די פֿאַבריקן? דײַן טאַטע אַרבעט דאָ?״

״ניין, ניין, – האָט דאָס ייִנגל געשטאַמלט פֿון איבערראַשונג, – מײַן הער, אפֿשר ווייסט איר ווו עס אַרבעטן דאָ ייִדן?

״דו ביסט אַ ייִד? – פֿרעגט דער מאַן מיט דערשטוינונג, – איך האָב אַפֿילו ניט דערקענט, אַז דו ביסט אַ ייִד. אָבער פֿון וואַנען קומסטו דאָ אַהער? עס זענען מער ניטאָ קיין ייִדן, אַחוץ אין די פֿאַבריקן.״

״איך... איך, מײַן הער, קום פֿון וואַלד.״

״פֿון וואַלד? – האָט דער מאַן אויפֿגעשטעלט אויגן, – נו, גוט, איך פֿאַרשטיי. צו דײַנע מענטשן ווילסטו. זיי אַרבעטן דאָ אין די פֿאַבריקן. אויך אין מײַן אָפּטיילונג אַרבעטן ייִדן. זיי פֿאַלן ווי די פֿליגן. ס׳איז שוין פֿון זיי ׳קאַ׳ סך ניט געבליבן. אַמבעסטן דו זאָלסט צוגיין צו די שטעכלדראָטן פֿון לאַגער, נו, צום ״גן־עדן פֿאַר ייִדן״, ווי זיי רופֿן דעם לאַגער. פּאַס אָבער אויף, די שטעכלדראָטן זענען עלעקטרעזירט, און דאָך קען מען אַדורך. ווילסט אָבער הערן מײַן עצה, קליינער? גיי צוריק אין וואַלד אַרײַן, ווײַל דאָ זענען ניטאָ קיין קליינע ייִנגלעך ווי דו. די דײַטשן האַלטן נאָר די ייִדן, וואָס טויגן צו דער אַרבעט.״

יהושוע האָט זיך צוריקגעצויגן און איז טיף אַרײַן אינעם הויכן געדיכטן גראָז. ער איז פּאָרזיכטיק אַרומגעקראָכן אויף אַלע פּיר אַרום דעם מויער פֿון די פֿאַבריקן ביז ער איז צוגעקומען צו די שטעכלדראָטן און דערזען אונטער זיי לאַנגע גראָע באַראַקן. קיין לעבעדיק באַשעפֿעניש האָט ער דאָרט, אונטער די דראָטן ניט דערזען. אויף אַ טורעם איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט מיט אַ געווער אין האַנט. אַרום איז געווען שטיל ווי אין אַן אויער. בלויז די פֿייגל האָבן געסוויטשערט און געטרילט. פּאַמעלעך איז יהושוע אײַנגעשלאָפֿן. ווען ער האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן איז שוין געווען פֿאַרנאַכט. ווי פֿאַרוווּנדערט איז ער געוואָרן, דערזעענדיק פֿון דער ווײַטנס, אונטער די שטעכלדראָטן מאָדנע באַשעפֿענישן, ווי ניט פֿון דער וועלט. זאָלן דאָס זײַן ייִדן?

אַזעלכע ייִדן האָט ער נאָך קיין מאָל ניט געזען. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מעשׂה 'סמבטיון', ווי דער רבי אין חדר האָט דערציילט, אַז אויף יענער זײַט טײַך סמבטיון לעבן די פֿאַרלוירענע עשׂרת־השבֿטים, די אַזוי גערופֿענע 'רויטע ייִדעלעך'. מע קען, אָבער, דעם טײַך ניט אַדורך, ווײַל ריזנשטיינער וואַרפֿן פֿון אים אַרויס. שבת, אָבער, ווען דער טײַך רוט, איז ער באַדעקט מיט אַ וואָלקן פֿון פֿײַער. ווען משיח, דער הגואל וועט קומען, דעמאָלט וועלן מיר זיך מיט זיי צוריק פֿאַראייניקן און צוזאַמען צוריק גיין אויף דער שפּיניוועער בריק קיין ארץ־ישׂראל.

ווען ס'איז געוואָרן מער טונקל האָט זיך יהושוע פּאָרזיכטיק דערנענטערט צו די דראָטן. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, אָנגעשפּיצט די אויגן און אויערן צו זען און צו הערן בעסער די מאָדנע באַשעפֿענישן פֿון יענער זײַט שטעכלדראָטן. געהערט פֿאַרשיידענע קולות, געשרייען, אָבער בשום־אופֿן ניט געקענט הערן זייער לשון. אויך פֿון זייערע פּנימער האָט יהושוע ניט

געקענט דערקענען ניט נאָר צי זיי זענען ייִדן, אָבער בכלל, צי זיי זענען מענטשן. מאָדנע פּנימער האָבן זיי געהאַט. און אפֿשר האָבן זיי בכלל קיין פּנימער ניט געהאַט. בלויז אַרויסגעזעצטע גרויסע אויגן האָבן פֿון זיי אַרויסגעקוקט. ער האָט פּרובירט פֿון הונטן אויפֿהייבן די שטעכלדראָט און ווי פֿאַרווּנדערט איז ער געוואָרן ווען די דראָטן האָבן זיך אַזוי לײַכט אונטערגעגעבן, גלײַך ווי געבעטן, – "קום! קום אַרײַן!"

און אָט איז ער אינעווייניק. יהושוע האָט געשטעלט זײַנע ערשטע טריט אינעם "גן־עדן פֿאַר ייִדן", ניט זיכער און מיט פּחד. ער האָט זיך פֿאָרזיכטיק דערנענטערט צו די באַראַקן און דערזען פֿאַר זיך שטיין אַ סטראַשידלע, וואָס האָט זיך מאָדנע באַוועגט. די סטראַשידלע איז געווען אַ שטיק שמאַטע פֿון קאָפּ ביז פּיס. אַפֿילו דאָס פּנים זײַנס איז געווען פֿון שמאַטעס. בלויז אַן אויג האָט פֿון דער שמאַטע אַרויסגעקוקט. יהושוע האָט געקוקט אויפֿן אויג מיט פּחד און רחמנות. לאַנג האָבן זיך די אויגן געקוקט ביז די סטראַשידלע איז פֿאַרשווּנדן אינעם באַראַק.

"ווער ביסטו?" – האָט ער מיט אַ מאָל דערהערט אַ קול הינטער זיך, ווי ניט פֿון דער וועלט. יהושוע האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און דערזען פֿאַר זיך אַ קאָלאָס פֿון אַ סטראַשידלע.

"ווער ביסטו?" – האָט די סטראַשידלע ווידער אַרויסגעלאָזט אַ דיבור און דערבײַ אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן צום הימל, צי דאָס ייִנגל איז ניט פֿון דאָרטן אַראָפּגעפֿאַלן. יהושוע האָט אָנגעהויבן שטאַמלען און געוואָלט אַנטלויפֿן.

"מײַן הער, – האָט זײַן שטים געציטערט, – מײַן הער..."

די סטראַשידלע איז אויסגעבראָכן אין אַ מאָדנע געלעכטער, וואָס איז קיין געלעכטער ניט געווען, הערנדיק אים רופֿן מיט אַזאַ

ערע ״מײַן הער״, וואָס ער האָט שוין פֿון לאַנג פֿאַרגעסן פֿון אַזעלכע בכּבֿודיקע ווערטער.

עס זענען צוגעקומען נאָך צוויי סטראַשידלעס און זיך געוווּנדערט פֿון דער פּלא.

״קוק נאָר, קוק נאָר, – האָט איינער פֿון זיי געזאָגט, – אַ ייִדיש ייִנגל״, – און אים אָנגערירט, צי ער באַשטייט אין אמתן, צי ער עקזיסטירט, צי איז דאָס ניט עפּעס אַ רוח.

״איך קום פֿון וואַלד״ – האָט יהושוע צו זיי געזאָגט שוין מער דראַסטיש.

די סטראַשידלעס האָבן אויף זיך געקוקט מיט זייערע סקעלעטישע, אַרויסגעזעצטע אויגן און זיך באַראָטן וואָס צו טאָן.

״ר׳ איטשע־מאיר״ – האָט איינער אַ זאָג געטאָן.

״יאָ, ר׳ איטשע־מאיר פֿונעם דרײַצנטן בלאָק דאַרף וועגן דעם וויסן״ – האָט אַ צווייטער נאָכגעזאָגט, און זיי זענען אַוועק מיטן ייִנגל.

פֿאַרן אַרײַנגאַנג אינעם דרײַצנטן בלאָק האָט דער קאַפּאָ פֿונעם בלאָק זיי באַמערקט.

״וווּהין?״ – האָט ער אַ רוף געגעבן.

די צוויי סטראַשידלעס האָבן זיך פֿאַר שרעק גלײַך אָפּגעטראָטן, איבערלאָזנדיק דעם קליינעם יהושוע אַליין. דער קאַפּאָ, דערזעענדיק דעם ייִנגל, איז געוואָרן אַזוי איבערראַשט און צעפּלעפּט, אַז ער האָט פֿאַרלוירן דאָס לשון און אָנגעהויבן שטאַמלען: ״וו־וו־וואַס, וו־וואַ־ס פּיר אײַנע פּופּע?״

יהושוע האָט פּרובירט אים עפּעס זאָגן, אָבער דער קאַפּאָ האָט אים ניט אויסגעהערט, נאָר געהאַלטן אין איין איבערחזרן: ״יאַ, יאַ, דו ביסט אײַנע פּופּע! אײַנע זיסע פּופּע! קאָם, קאָם.״ זײַנע אויגן האָבן תּאַווהדיק געגלאָצט אויפֿן ייִנגל און אים אַרײַנגעפֿירט אין זײַן צימערל, וואָס איז געווען אָפּגעזונדערט פֿונעם רעשט בלאָק העפֿטלינגען מיט אַווענטל פֿון ברעטער.

״דאָ וועסטו בלײַבן, ניט מיט די שוועסטנעט אויפֿן בלאָק. אָבער דו מוזסט בראַוו זײַן, ווען ניט – קללל... – און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויפֿן האַלדז, – אָט האָסטו זופּ מיט ברויט און מאַרגאַרין.״

יהושוע האָט געגעסן די זופּ, וואָס האָט געהאַט אַ משונהדיקן טעם. דאָס ברויט איז געווען שוואַרץ ווי די ערד, האָט זיך אים געקלעפּט אין מויל ווי ליים מיט טראָטשענע. און דאָך האָט ער אַלץ אויפֿגעגעסן, אַזוי הונגעריק איז ער געווען.

יהושוע האָט, אָבער, ניט פֿאַרשטאַנען די מכּלומרשט זיסע ווערטער פֿונעם קאַפּאָ און אַוודאי ניט פֿאַרשטאַנען וואָס דערוואַרט אים פֿון דעם מאַן מיט די פֿאַרתּמטע גלאָצנדיקע חזיר־אייגלעך, וואָס האָבן קוים אַרויסגעקוקט פֿון זײַן אויסגעפֿרעסענעם פּרצוף.

״דו, קליינער, דו בלײַבסט דאָ בײַ מיר און זיך ניט רירן פֿון דאַנעט. ווען ניט – קללל...״ – און גיט ווידער אַ מאַך מיט דער האַנט אויפֿן האַלדז.

דער קאַפּאָ איז אַרויס פֿונעם צימער און פֿאַרשלאָסן די טיר אונטער זיך. נאָך עטלעכע מינוט הערט יהושוע אַ שטילן קלאַפּ אין דער טיר.

״ווער איז דאָרט?״ – פֿרעגט דאָס ייִנגל.

״אַ ייִד, – ענטפֿערט אַ קול, – איך הייס איטשע־מאיר. מע האָט מיר מודיע געווען, אַז דו ביסט אַרײַנגעקומען פֿון דרויסן, פֿונעם וואַלד. ווי הייסטו?״

״איך הייס יהושוע.״

״הער זיך גוט צו, יהושוע, וואָס איך וויל דיר זאָגן. דו הערסט?״

״יאָ, איך הער.״

״ניטאָ קיין סך צײַט, ווײַל דער רוצח קאָן אין יעדן אויגנבליק צוריק קומען און אויספֿירן זײַן מזימה. דו זאָלסט זען די נאַכט זיך אַרויסצודרייען פֿון זײַנע טרייפֿענע לאַפּעס. זאָג דעם כּלבֿ־שבכּלבֿים, אַז דו ביסט קראַנק, האָסט דעם טיפֿוס און פֿילסט זיך ניט גוט. דו האָסט פֿאַרשטאַנען וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט?״

״יאָ, כ׳האָב פֿאַרשטאַנען.״

״הער ווײַטער וואָס איך זאָג דיר. מאָרגן אין דער פֿרי זאָלסט ניט ענטוואַגן אַרויסצוגיין צום אַפּעל, נאָר זיך אויסבאַהאַלטן אונטער דער פּריטשע בײַם קאַפּאָ, אַז דער לאַגער־קאָמענדאַנט זאָל דיך, חלילה, ניט זען בשעת דער סעלעקציע.״

״וואָס איז דאָס סעלעקציע?״

״בעסער אַז דו זאָלסט ניט וויסן, – האָט איטשע־מאיר אַ זיפֿץ געטאָן, – נאָך דער סעלעקציע, אם ירצה השם, אַז כ׳וועל זי איבערלעבן, וועל איך רעדן מיטן הויפּטקאַפּאָ, ער איז נאָך געבליבן אַ שטיקל מענטש, ער איז אַ דײַטשישער פּאָליטישער העפֿטלינג, אפֿשר וועט ער קענען עפּעס טאָן פֿאַר דיר. הײַנט איז שוין צו שפּעט. איך האָב פּרובירט, אָבער עס גייט ניט. אַצינד מוז איך אַוועק פֿון דער טיר, ווײַל דער מערדער קאָן צוריק קומען און אונדז ביידע צעממיתן. דער שם יתברך זאָל דיך שומר און מציל

זײַן, אַז דער רשע זאָל אויף דיר קיין שליטה ניט האָבן. דו האָסט פֿאַרשטאַנען וואָס איך האָב דיר געזאָגט?״

״יאָ, איך האָב פֿאַרשטאַנען.״

יהושוע האָט דאָס אַלץ ניט אַזוי גוט פֿאַרשטאַנען, ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד צו פֿאַרשטיין דעם קאָמפּלעקס פֿון אַ לאַגער בײַ די נאַציס. פֿיל דערוואַקסענע חכמים פֿאַרשטייען ניט ביז הײַנטיקן טאָג וואָס איז דאָס געווען אַ דײַטשישער לאַגער, וואָס זיי אַליין האָבן מיטגעמאַכט.

מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך די טיר אויפֿגעמאַכט און דער קאַפּאָ איז אַרײַנגעקומען מיט אַ צווייטן קאַפּאָ, אַ ״קערל״ מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ און אַ גרינעם דרײַעק אויף זײַן לינקן ברוסטקאַסטן לעבן דעם נומער, גענוי ווי זײַן קאַמעראַד. זיי באַקוקן דאָס ייִנגל ווי מבֿינים.

״אַלזאָ, וואַלטערל, וואָס דענקסטו, האַ?״ – פֿרעגט ער זײַן פֿרײַנד.

״גראָסאַרטיק! ווונדערבאַר! שוין פֿון לאַנג אַזאַ ״קעצכען״ ניט געהאַט!״

״הימעל־הער־גאָט! האַנס, ווי זאָ האַסטו דאָס געשאַפֿן? – ער גיט דעם ייִנגל אַ קנײַפּ אין אונטערשטן אַרײַן און זאָגט, – אײַן גראָסאַרטיקער אַרש! אַוף ווידערזען, קעצכען.״

זיי ביידע גייען אַרויס פֿונעם צימער און פֿאַרשליסן די טיר.

״וואַלטערל, וואַן דו אײַן בראַווער קערל ביסט דאַן קענסטו אים אַוך האַבען. אַבער, דאָנער וועטער, נאָך אײַן מאָל, דו מוזסט מיטמאַכען!״ – און צײַגט מיט זײַנע צוויי הענט אויפֿן האַלדז, דאָס ייִנגל צו דערוואַרגן.

״נאַטירליך, מאַך איך מיט. הימעל־הער־גאָט, סאַקראַמענט! עררינערסט דו זיך ניכט דעם טראַנספּאָרט אַוס פּראַג? וויר מאַכען גענאַו דאָס זעלבע, אונד גלײַך דאָס שײַסע אַוף דעם מיסטהאַפֿען. מאָרגען זאָנאַג פֿירט מאַן דאָס מיסט גלײַך אַוועק. מאַן דאַרף דעם קנאַבע אין קײַנע פֿאַל ניכט זען אַוף דעם אַפּעל, דאָס קאַן געפֿערליך זײַן. אַלזאָ, גלײַך נאָך דעם שפּאַס מוזן וויר אים זאָפֿאָרט פֿאַרטיק מאַכען. אַבער פֿאַרגעס ניכט, האַנדל אים גלײַך צו מיר ברענגען און צעפּוק ניכט גענצליך זײַן אַש. לאַס פֿיור מיך אַוך עטוואַס איבער.״

ווען האַנס איז צוריק אַרײַנגעקומען אין זײַן צימערל האָט ער געטראָפֿן יהושוע׳ן שלאָפֿן אויפֿן דיל. ער האָט אויפֿגעהויבן ס׳יִינגל, ווי אַ חתן הייבט אויף זײַן כלה אין דער נאַכט נאָך דער חופּה, און אים אַרויפֿגעלייגט אויף זײַן קויקע.

יהושוע איז געוועהן אַזוי מיד, אַז ער האָט זיך אַפֿילו ניט אויפֿגעוועקט. דער קאַפּאָ האָט אַרויסגענומען פֿון אונטער דער קויקע אַ פֿלעשל בראָנפֿן און עס אויסגעטרונקען מיט איין צי. ער האָט אַ שפּײַ געטאָן און אַרויסגעלאָזט אַ קללה קעגן גאָט און מענטש, פֿאַרריבן די הענט און זיך גענומען צו דער עבֿודה, – פֿון אָנהייב עטוואָס דעליקאַט און גלײַך נאָך דעם – ברוטאַל. ער האָט צום שלאָפֿנדיקן ייִנגל געשושקעט זיסע ווערטער. ווען ער האָט אָנגעהויבן אַראָפּציִען זײַנע מלבושים האָט זיך יהושוע אויפֿגעוועקט אין בהלה.

דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן זיך צו ווערן מיט אַלע זײַנע כּוחות און מאַכן געוואַלד. גלײַך האָט דער קאַפּאָ אַרויפֿגעלייגט זײַן לאַפּע אויפֿן ייִנגלס מויל און אים שיִער ניט דערשטיקט.

״ווען דו שרײַסט, קליינער, דאַן מאַך איך דיך פֿערטיג.״

און דאָך האָט זיך יהושוע געווערט, ער האָט אים אַפּילו די האַנט אײַנגעביסן ביז בלוט, אָבער ער איז געווען צו שוואַך קעגן דעם ברוטאַלן מאַן. דער קאַפּאָ האָט זיך נאָך ווילדער צעהיצט פֿונעם ייִנגלס בײַסן און דערבײַ געהירזשעט, – ״בײַס, בײַס! דאַס איסט גוט! דאַס איסט גוט!״

קיין סך האָט ניט געפֿעלט, אַז בעת זײַן מזימה זאָל ער דערשטיקן דאָס ייִנגל. יהושוע האָט געפֿילט אַ שרעקלעכע פּײַן אינעם הינטן, און כאָטש דאָס אַלץ האָט לאַנג ניט געדויערט, האָט עס אויסגעזען ווי אַן אייביקייט. דער קאַפּאָ איז געלעגן אָנמעכטיק לעבן דעם ייִנגל און שווער געאָטעמט. יהושוע האָט פֿאַרשטאַנען און ניט פֿאַרשטאַנען וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט. ער האָט געהאַלטן אין איין וויינען און רופֿן, – ״מאַמע! מאַמע.״

דער קאַפּאָ האָט זיך ווילד צעלאַכט און געזאָגט: ״ניכט ווײַנען, מײַן קלײַן קעצכען, ניכט ווײַנען! נור דאָס ערשטע מאָל טוט עס וויי. דו האַסט אַבער אַ ווונדערלעך תּחתל! קום, שטיי אַוף! וויר גייען צו וואַלטערן אינעם בלאָק זיבעצן. איך האָב אים צוגעזאָגט דיך צו ברענגען. הימעל־הער־גאָט, פֿאַר אַזאַ תּחתל פֿאַרקויפֿט ער זײַן אייגענע מאַמע.״

זיי גייען אַרויס פֿונעם בלאָק. עס איז חושך מצרים, בלויז די שטעכלדראָטן אַרום דעם לאַגער זענען באַלויכטן מיט אַ קרענקלעכער שײַן. פֿון גרויס ווייטיק קאָן יהושוע קוים גיין און בלוטיקט פֿון הינטן. מיט אַ מאָל רײַסן זיך זײַנע פֿיסלעך אין אַ גאַלאָפּ.

״בלײַב שטיין! בלײַב שטיין!״ – רופֿט דער קאַפּאָ און יאָגט אים נאָך. צוויי זאַלפֿן הערן זיך פֿון אַ טויער־שמירה אין זייער ריכטונג.

יהושוע לויפֿט, ווי אַ לונאַטיקער, צווישן די בלאָקן, אָן צו וויסן וווּהין. ער הערט הינטער זיך דאָס שווערע סאָפּען פֿונעם קאַפּאָ, וואָס יאָגט אים נאָך. מיט עטלעכע רגעס שפּעטער פֿילט ער, אַז ער לויפֿט אַליין, און ווי דורך אַ שטויס פֿאַלט ער אַרײַן אין אַ בלאָק און וואַרפֿט זיך אַוועק אויף אַ פּריטשע, אײַנהאַלטנדיק דעם אָטעם, אַז קיינער זאָל אים ניט הערן. פּאַמעלעך שלאָפֿט ער אײַן.

יהושוע לויפֿט אינעם ברענענדיקן וואַלד. אַלץ אַרום איז רויט פֿון פֿײַער, – דיביימער, די ערד, דער הימל. און אָט שטייט זײַן טאַטע ר' יוסף, אָנגעטאָן אין טלית און תּפֿילין, צוגעבונדן צו אַ ברענענדיקן בוים און שוויַיגנדיק קוקט אויף אים. פֿון זײַן שטערן שלענגלט זיך אַרויס אַ שנירל בלוט. יהושוע וויל זיך צו אים דערנענטערן, אָבער ער קען ניט. ער וויל רופֿן, – ״טאַטע! טאַטע, פֿאַר וואָס האָסטו מיך פֿאַרלאָזט? דערקענסטו מיך ניט? דאָס בין איך, דײַן זון יהושוע.״

אָבער קיין וואָרט קען ער ניט אַרויסברענגען פֿון זײַן מויל. זײַן ברודער יעקבֿ שטייט מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. און אָט שטייט זײַן מאַמע מרים מיט צוויי אויסגעשטרעקטע הענט צו אים, יהושוע, איר זון. אויף איר קאָפּ טראָגט זי אַ קרוין פֿון פֿײַער, און פֿון אירע אויגן גיסן זיך טרערן פֿון בלוט. ער וויל צולויפֿן צו זײַן מאַמע, זי אַרומנעמען, אָבער ער איז געליימט.

די פּאַרטיזאַנער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ קניִען לענג־אויס דעם וועג, ווּו יהושוע לויפֿט. זייערע פּירשפּיציקע מיליטער־היטלען מיט דעם שטאָלצן פּוילישן אָדלער פֿון פֿאָרנט ליגן אַראָפּגעריסן און צעטראָטן אויף דער ערד. זײַן רבי פֿון חדר מיט דער לאַנגער רויטער באָרד און אויגן פֿון אַ ניסתּר... וואָס טוט ער דאָ, אינעם וואַלד? ווען וועט ער שוין מיט אים אָנהייבן לערנען גמרא? די ימים־נוראָים זענען שוין פֿון לאַנג פֿאַרבײַ. און אָט שטייט דער

לערער מיטן עלעגאַנטן שפּאַציר־שטעקעלע, וואָס הייסט, אַז זיי גייען אַהין, וווּ עס זײַנען נאָך פֿאַראַן ייִדן אין אַ לאַגער.

״גאָספּאָדאַזש״ באַרטשינסקי מיט זײַנע צעשפּרייטע הענט... לײַדער, לײַדער, צום באַדויערן, קאָן ער לענגער זיי ניט אויסבאַהאַלטן. ער האָט אַ פֿאַמיליע און דאָס איז געפֿערלעך.

יהושוע האַלט אין איין לויפֿן איבער ברענענדיקע פֿעלדער פֿון פֿײַער, און אפֿשר רויטער פֿון פֿײַער. מע קלינגט אין דער קירכע. ער לויפֿט איבער זײַן שטעטל, וואָס ליגט אין חורבה. די הײַזער אין פֿלאַמען. בלויז די הייליקע מוטער מאַריע אין מיטן מאַרק שטייט גאַנץ. ווען די גויִים דערזעען יהושוען, פֿאַלן זיי אויף די קני, צלמען זיך און לאָזן אַראָפּ די קעפּ פֿאַר חרפּה און חרטה. ער וווּנדערט זיך. וווּ זענען אַלע ייִדן? אַלע זײַנע חבֿרים פֿון חדר?

ער לויפֿט צום בית־המדרש. די טירן זענען אויפֿגעפּראַלט, די פֿענצטער אויסגעהאַקט, דער אָרון־קודש איז ליידיק, דער פּרוכת צעפֿליקט, די ספֿרי־תּורות צעריסן, צעטראָטן אויף דער ערד. ער וויל שרײַען, מאַכן געוואַלד, אָבער זײַן צונג איז פֿאַרשטיינערט. ער הערט ברומען אַ ניגון. יאָ, דאָס איז דאָך דעם זיידע ר׳ מאירס ניגון בײַם לערנען. ער וואַנדערט איבערן בית־המדרש און זעט דעם זיידע זיצן אויפֿן זעלבן פּלאַץ ווי תּמיד, פֿאַרטיפֿט אין אַן אָפֿענער גמרא, וווּ אַ ליכטל ברענט. פֿאָרזיכטיק דערנענטערט זיך יהושוע צום זיידן אויף די שפּיץ פֿינגער, חלילה, ניט צו שטערן אים בײַם לערנען. דער זיידע הייבט אויף די אויגן פֿון דער גמרא, און אַ טרער רינט אים אַראָפּ אויפֿן ליכטל און עס לעשט זיך אויס.

״אַופֿשטיין, אַופֿשטיין! צום אַפּעל! צום אַפּעלפּלאַץ! שנעל! שנעל! שנעל!״ – עס הערן זיך געוואַלדן מיט אַ פֿײַפֿעריי פֿון אַלע זײַטן. אין בהלה כאַפּט זיך יהושוע אויף פֿון שלאָף, שפּרינגט אַראָפּ פֿון דער פּריטשע און לויפֿט אַרויס מיט אַלע צוזאַמען פֿונעם בלאָק

צום אַפּעל. אַלץ געשעט אין אַזאַ געיעגעניש, אַז קיינער כמעט באַמערקט אים ניט, און ווי אַלע שטעלט ער זיך אויס אין דער ריי. די קאַפּאָס מיט שטעקנס אין די הענט האַלטן אָרדענונג, דערבײַ קײַלן זיי יעדן איינעם וואָס שטייט ניט גלײַך ווי אַ ווירע אין דער ריי. יעדער בלאָק העפּטלינגען שטייט אויסגעשטעלט מיטן בלאָקעלטסטן און קאַפּאָ בראָש. זיי טראָגן אויף דער לינקער זײַט ברוסטקאַסטן פֿון זייערע קאַצעט־בלוזעס אַ גרינעם דרײַעק, לעבן דעם נומער, אַ סימן פֿון אַ פֿאַרברעכער. טייל פֿון די קאַפּאָס טראָגן רויטע, גרינע, ראָזעווע און שוואַרצע דרײַעקן. יעדער קאָליר איז אַ סימן ווער ער איז און פֿאַר וואָס ער זיצט אין דער חד־גדיא. בלויז בײַ די ייִדן איז אַ פֿאַרקערטע מעשׂה. מע זיצט, ווײַל די באָבע איז געווען אַ ייִדענע. אַפֿילו זי האָט זיך געשמדט, זיצסטו. עס דערהערט זיך אַ פֿײַף מיט אַ רוף: ״אַכטונג! דער הער לאַגער־קאָמענדאַנט! מיצען אַפּ!״

עס ווערט טויט שטיל מיט אַ שפּאַנונג, אַז מע קען די לופֿט אַדורכשנײַדן מיט אַ מעסער. ווי נאָר דער לאַגער־קאָמענדאַנט באַטרעט דעם טויער פֿונעם לאַגער צעשפּילט זיך דער אָרקעסטער מיטן לוסטיקן ׳ראַדעטזקי מאַרש׳ פֿון יאָהאַן שטראַוס. דער הויפּטקאַפּאָ פֿון לאַגער שפּרינגט צו צום לאַגער־קאָמענדאַנט אויף אַכטונג און מעלדעט: ״הער לאַגער־קאָמענדאַנט, איך, העפּטלינג נומער 62743, דער הויפּטקאַפּאָ פֿון לאַגער ׳אַ גן־עדן פֿאַר ייִדן׳, מעלדע געהאָרכזאַם, אַלץ איז גרייט צום אַפּעל.״

ווען דער לאַגער־קאָמענדאַנט קומט צו צו דער ערשטער אויסגעשטעלטער גרופּע מעלדעט דער קאַפּאָ פֿון דער גרופּע: ״הער לאגער־קאָמענדאַנט, איך העפּטלינג נומער 38519 מעלדע געהאָרכזאַם, בלאָק נומער זיבן, הונדערט און דרײַ העפּטלינגען און נײַן אין לאַזאַרעט.״

ער באַקוקט די רייען און פֿון מאָל צו מאָל גיט ער אַ מאַך מיטן פֿינגער, אַז דער העפּטלינג זאָל אַרויסטרעטן פֿון דער ריי צום טויער. און אַזוי גייט דער לאַגער־קאָמענדאַנט אַדורך פֿון גרופּע צו גרופּע. קיינער ווערט זיך ניט. טייל העפּטלינגען גייען אַרויס גלײַכגילטיק, טייל מיט וואַקלעניש און טייל מיט זיכערע טריט, פֿאַרשטייענדיק, אַז זייער גורל איז געחתמעט. ניטאָ מער קיין צוריק. ווען אַ העפּטלינג רעאַגירט ניט גלײַך אויפֿן אָנגעוויזענעם פֿינגער פֿונעם לאַגער־קאָמענדאַנט, אַזוי ווי ניט אים מיינט ער, ציט דער לאַגער־קאָמענדאַנט פּאַמעלעך אַרויס דעם רעוואָלווער פֿונעם בײַטל און מיט איין קנאַל לייגט ער אים אַוועק. פּאַוואָליע, מיט אַ לײַכטן שמייכל, לייגט ער צוריק אַרײַן דעם רעוואָלווער אויף זײַן פּלאַץ און שוין ווײַזט ער אָן מיטן פֿינגער אויף אַ צווייטן, דריטן, זעקסטן, זיבעטן, צענטן. ווען ער קומט צום בלאָק איין און צוואַנציק און באַמערקט דעם קליינעם יהושוע, ברעכט דער לאַגע־קאָמענדאַנט אויס אין אַ הילכיקן געלעכטער.

״ווער איז דאָס יינגל?״ – פֿרעגט ער און ווידער צעלאַכט ער זיך ביז טרערן. ער נעמט אַרויס זײַן ווײַסן טאַשנטוך און ווישט זיך די אויגן פֿון די לאַכן־טרערן. דער קאַפּאָ מיט דעם בלאָקעלטסטן, וואָס שטייען אויסגעשטראָמט אויף אַכטונג און טויט שרעק, מעלדן, אַז זיי זעען דאָס יינגל דאָס ערשטע מאָל. דער בלאָקעלטסטער גייט צו צום יינגל, דערלאַנגט אים אַ פּאַטש אין פּנים און פֿרעגט אים אויף יידיש, – ״ווער ביסטו, פּענטאַק? ווי אַזוי ביסטו אַרײַנגעקומען אין לאַגער?״ – און דערלאַנגט אים מיט זײַן קאַנטשיק איבערן קאָפּ. מיט אַ מאָל לאָזט זיך דאָס יינגל אין אַ גאַלאָפּ און דער בלאָקעלטסטער נאָך אים. ער לויפֿט אַרײַן אין אַ בלאָק און באַהאַלט זיך אונטער אַ פּריטשע. דער בלאָקעלטסטער ציט אים אַרויס בײַם אויער און זאָגט: ״נאַריש יינגל, וווּהין אַנטלויפֿסטו? פֿון דאַנעט קאָן מען ניט אַנטלויפֿן. זאָג דעם אמת, ווי אַזוי ביסטו

אַרײַנגעקומען אינעם לאַגער? ווער האָט דיך אַהער אַרײַנגעבראַכט?״ און ער דערלאַנגט אים ווידער אַ פּאַטש אין פּנים.

״איך... איך בין אַליין אַרײַנגעקומען״, – זאָגט דאָס ייִנגל וויינענדיק.

״ווי אַזוי?״

״דורך די דראָטן.״

״דורך די דראָטן? דאָס איז אוממעגלעך. די דראָטן זענען עלעקטרעזירט. וואַרט, וואַרט, ווען ביסטו אַרײַנגעקומען, זאָגסטו? נעכטן פֿאַרנאַכט? יאָ, עס שטימט, – זאָגט דער בלאָקעלטסטער. שבת און זונטיק שפּאָרן לעצטנס די דײַטשן עלעקטרע. און דו ביסט גלײַך אַרײַן אינעם בלאָק 21?״

״איך בין פֿריִער געווען בײַ אַ מאַן אין אַנדערן בלאָק.״

״ווי הייסט דער מאַן? און אין וועלכן בלאָק?״

״איך ווייס ניט. אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז ער הייסט האַנס.״

״האַנס? דער רוצח פֿונעם בלאָק 13? איך זע, אַז דײַנע הויזן און די פֿיס זענען פֿאַרבלוטיקט.״

״ער האָט מיר שלעכטס געטאָן״, – דאָס ייִנגל האָט זיך ווידער צעוויינט.

״קום צום לאַגער־קאָמענדאַנט״, – און דער בלאָקעלטסטער ציט אים בײַם אויער, אַז ער זאָל ווידער ניט אַנטלויפֿן.

דער בלאָקעלטסטער שטייט אויסגעשטראָמט פֿאַרן לאַגער־קאָמענדאַנט און מעלדעט אים דאָס וואָס יהושוע האָט אים דערציילט. דער לאַגער־קאָמענדאַנט פֿרעגט יהושוען: ״פֿאַר וואָס ביסטו אַנטלאָפֿן?״

״ווײַל איך וויל לעבן.״

״יעדער איינער וויל לעבן, אָבער ניט יעדער איינער דאַרף לעבן, – האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט געזאָגט מיט אַ שמייכל, – קענסטו שיך פּוצן?״

״יאַוואָל, מײַן הער. איך קען פּוצן שיך און אויך שטיוול קען איך פּוצן.״

״גוט, דו וועסט זײַן מײַן שיכפּוצער. פֿאַרשטאַנדען? – זאָגט דער לאַגער־קאָמענדאַנט צום הויפּטקאַפּאָ, וואָס באַגלייט אים בײַ דער סעלעקציע, – פֿרידריך, ברענג מיר זאָפֿאָרט דעם שוויַין פֿון בלאָק 13.״

ווען דער קאַפּאָ פֿון בלאָק 13 קומט צו צום לאַגער־קאָמענדאַנט און שטראָמט זיך פֿאַר אים אויס אויף ״אַכטונג״ און זאָגט: ״צום באַפֿעל, הער לאַגער־קאָמענדאַנט״, גיט ער צו אים אַ געשריי: ״דו, שווײַנהונט! דאַס איסט ראַסענשאַנדע! זאָפֿאָרט צום טויט״ – און ווײַזט אים אָן מיטן פֿינגער אויף דער גרופּע אויסגעסעלעקטירטע צום טויט.

דער קאַפּאָ גיט זיך אַ וואָרף אויף דר׳ערד, קושט די שטיוול פֿונעם לאַגער־קאָמענדאַנט: ״איך בין דאָך רײַכסדויטשע, הער אונטערשטורמפֿיורער, – רופֿט ער אים איצט בײַ זײַן עס־עס־ראַנג, – איך בין אַן אַריִער. ביטע, שענקען זי מיר דאַס לעבען, – האַלט ער אין איין בעטן.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט קאָפּעט אים אַוועק פֿון זיך מיט מיגל, אָבער דער קאַפּאָ צאַנקט זיך כּסדר און קושט זײַנע שטיוול. דער לאַגער־קאָמענדאַנט נעמט פּאַמעלעך אַרויס זײַן רעוואָלווער און מיט איין קנאַל לייגט אים אַוועק. ער מאַכט אַ קרומע מינע פֿון מיגל, ווען ער באַמערקט בלוט אויף זײַנע שטיוול. דער הויפּטקאַפּאָ

נעמט אַרויס זײַן טאַשנטוך און ווישט אים אָפּ דאָס בלוט פֿון די שטיוול.

״וויפֿל האָבן מיר שוין?״ – פֿרעגט ער דעם הויפּטקאַפּאָ.

״24 אויסגעסעלעקטירטע העפֿטלינגען, הער לאַגער־קאָמענדאַנט, אײַנגערעכנט די לאַזאַרעט־קראַנקע.״

״גענוג פֿיור הויטע״ – גיט ער אַ ברום צו זיך.

״צום באַפֿעל, הער לאַגער־קאָמענדאַנט״ – ענטפֿערט דער הויפּטקאַפּאָ.

ווען דער לאַגער־קאָמענדאַנט קומט אַרײַן אין דער קיך פֿונעם לאַגער הערט זיך אַ רוף: ״אַכטונג! מיצען אַפּ!״

ער גייט צו צום הויפּטקעסל, גיט אַ מיש די זופּ מיטן קאָכלעפֿל און מאַכט אַ זויערע מינע. ער ווענדט זיך צום הויפּטקאָכער מיט נאָך צוויי געהילפֿסקאָכערס וואָס שטייען אויסגעשטראָמט אויף ״אַכטונג״, מיט אַ שפּאָטיש געלעכטערל און זאָגט: ״סאַבאָטאַזש! איר ״גענאָוון״ פֿרעסערס, שווײַנע! פֿאַרדאַמט נאָך אײַן מאָל ! קײַן מאָל האָט איר ניכט גענוג! איר באַקומט אַזוי פֿיל פּראָדוקטן און גנבֿעט דאָס אַוועק פֿון די העפֿטלינגען. איך וועל אײַך אַלע 'אומלעגן'! גיט זאָפֿאָרט אַרײַן אין יעדן קעסל פֿינף פּעקלעך מאַרגאַרין מיט צען קילאָ גרויפּן. עס איז הײַנט אַ ספּעציעלער רוטאָג און די מענטשן מוזן עסן. די קריג־אינדוסטריע נייטיקט זיך אין אַרבעט־קרעפֿטן. פֿאַרדאַמט נאָך אײַן מאָל!״

ווען ער פֿאַרלאָזט די קיך קוקט ער אויפֿן הימל און זאָגט ווי צו זיך אַליין: ״וואָס פֿאַר אַ הערלעכער טאָג.״

״יאַוואָל, הער לאַגער־קאָמענדאַנט, עס איז הײַנטווירקלעך אַ זייער שיינער טאָג, – ענטפֿערט דער הויפּטקאַפּאָ פֿון לאַגער, וואָס

גייט הינטער אים, – מיר האָבן דאָך היינט די ערע צו זען דעם הער לאַגער־קאָמענדאַנט דיריגירן מיט אָרקעסטער.״

״יאַ, יאַ, – זאָגט ער ווידער ווי צו זיך אַליין, – אויפֿן אָרקעסטער מיטן פֿידלער אינגבאַך קען איך זיך פֿאַרלאָזן. דאָס איז באַשטימט דער בעסטער אָרקעסטער פֿון אַלע באַזעצטע געביטן פֿונעם דריטן רייַך אין אייראָפּע. דער הויפּטפֿידלער האָט געשפּילט אין דער ווינער פֿילהאַרמאָניע. אויך אַלע אַנדערע מוזיקערס האָבן געשפּילט אין די בעסטע אייראָפּעישע אָרקעסטערס. אינגבאַך איז אַ וווּנדערלעכער ווירטואָז.״

נאָך מיטאָג שטייט דער לאַגער־קאָמענדאַנט אויף אַ בינע, ספּעציעל צוגעגרייט פֿאַרן קאָנצערט און דיריגירט מיטן אָרקעסטער דעם פֿידל־קאָנצערט פֿון לודוויג פֿאָן בעטהאָווען. פֿון פֿאָרנט זיצט זייַן פֿרוי, זייער זעקסיאָריק טאָכטערל, זייער הונט, דער קליינער יהושוע, זייער שיכפּוצער, פֿאַרבעטענע דייַטשישע געסט און דער גאַנצער לאַגער העפֿטלינגען.

״סוף־כּל־סוף פֿאַרווירקל איך מייַן חלום, – טראַכט זיך ראָבערט לעם, דער לאַגער־קאָמענדאַנט, – איך דיריגיר מיט אַ סימפֿאָנישן אָרקעסטער. מעג דאָס זייַן אַן אָרקעסטער פֿון ייִדישע העפֿטלינגען.״

איבער הויפּט פֿילט ער ניט קיין האַס צו זיי. להיפּוך, ער פֿילט באַוווּנדערונג צו די כּלומרשט אונטערמענטשן.

*... פֿרילינג 1929. דער סטודענט ראָבערט לעם זיצט אין ביוראָ בייַ פּראָפֿעסאָר זיגפֿריד כּהן זייער געשפּאַנט.*

*״ווי גייט עס אייַך, הער לעם?״ – פֿרעגט דעם יונגן סטודענט דער אַלטער מוזיק־פּראָפֿעסאָר, דירעקטאָר פֿון קאָנסערוואַטאָריום אין לייַפּציג.*

*״ניט גוט״, – ענטפֿערט דער סטודענט.*

*״איך פֿאַרשטיי, אַז צוליב אײַער דורכפֿאַל בײַ דעם עקזאַמען זענט איר צו מיר געקומען. צום באַדויערן, קען איך אײַך ניט העלפֿן, – נאָך אַ רגע טראַכטן איז דער פּראָפֿעסאָר ממשיך, – הער לעם, איר זענט זייער באַגאַבט. פֿאַר וואָס מוז דאָס זײַן גראַדע מוזיק? פֿאַר וואָס ניט ליטעראַטור? איר צייכנט זיך דאָך אויס אין ליטעראַטור. אין מוזיק איז הײַנט צו טאָג אין דײַטשלאַנד אַ זייער גרויסער איבערפֿלוס פֿון טאַלאַנטן. און נאָר די אַממייסטן באַגאַבטע מאַכן אַ קאַריערע, און אויך ניט אַלע.״*

*ראָבערט לעם זיצט פֿאַרצווייפֿלט און נידערגעשלאָגן. ער שטעלט זיך אויף און אָן צו זאָגן אַ וואָרט פֿאַרלאָזט דעם ביוראָ פֿונעם פּראָפֿעסאָר. דער פּראָפֿעסאָר קוקט אים נאָך מיט אַ מיטלײַד־געפֿיל און זאָגט אים: ״אַפֿווידערזען, הער לעם.״*

*ווען ער קומט אַרויס אויף דער גאַס מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מאַרשירט פֿאַרבײַ אַ דעמאָנסטראַציע פֿון אַ גרופּע S.A־מענער. זיי האַלטן אין איין אויפֿרופֿן נאַציִשע לאָזונגען. אַ גרופּע סימפּאַטיקער באַגלייטן זיי. דער יונגער סטודענט הייבט אויף זײַן קאָפּ און קוקט זיך צו צו דער קליינער דעמאָנסטראַציע. ער ווערט מונטער פֿון די יונגע מענטשן, וואָס פֿאָדערן אַ פֿאַרענדערונג אין דײַטשלאַנד. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז זיי האָבן עפּעס רעכט. מע דאַרף און מע מוז דאָ עפּעס פֿאַרענדערן. מיט אַ מאָל פֿילט ער אַ צי בײַם אָרעם און שוין מאַרשירט ער ווילנדיק צי ניט־ווילנדיק צווישן די דעמאָנסטראַנטן.*

דער לאַגער־קאָמענדאַנט קומט צוריק צו זיך מיט די געדאַנקען פֿון זײַן פֿאַרגאַנגענהייט און פֿילט, אַז ער האָט זיך פֿאַרגאַלאָפּעוועט מיט זײַן דיריגירן. און דאָך שפּילט דער אָרקעסטער זייער גוט אַ דאַנק אינגבאַכן. מע הערט די לעצטע אַקאָרדן פֿונעם קאָנצערט און

דאָס לאַגער־פּובליקום מיט די דײַטשישע פֿאַרבעטענע געסט ברעכט אויס אין הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. דער לאַגער־קאָמענדאַנט דריקט אײַנגבאַכן די האַנט. (אַ זעלטנהייט, אַז אַ דײַטש זאָל דריקן אַ האַנט פֿון אַ ייִד). און דאָך פֿילט ער זיך שטאַרק באַליידיקט מיט אַ געוואַלדיקער קינאה. ער פֿאַרשטייט, אַז די אַפּלאָדיסמענטן זענען געוואָנדן מער פֿאַר אײַנגבאַכן און דעם אָרקעסטער און ניט אַזוי פֿאַר אים. אָן צו קלערן ציט ער אַרויס דעם רעוואָלווער און צילט אין דער ריכטונג פֿון פֿידלער. עס ווערט טויט שטיל. די קלאַפּנדיקע הענט פֿון די העפֿטלינגען בלײַבן הענגען אין דער לופֿט. אײַנגבאַך שטייט אַ בלאַסער ווי די וואַנט. מיט אַ מאָל הערט זיך אַ פֿרויען־שטים: "ראָבערט!"

דער לאַגער־קאָמעדאַנט דרייט אויס דעם קאָפּ. דערזעענדיק זײַן פֿרוי קומט ער ווי צו זיך און שמייכלט צו איר. פּאַמעלעך, ווי ס'וואָלט גאָרניט פּאַסירט, לייגט ער צוריק דעם רעוואָלווער אויף זײַן פּלאַץ. דער גאַנצער פּובליקום העפֿטלינגען, ווי אויך די דײַטשישע פֿאַרבעטענע געסט ברעכן אויס אין הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. דער לאַגער־קאָמענדאַנט פֿאַרנייגט זיך העפֿלעך פֿאַר זײַנע געסט, וואָס זיצן פֿון פֿאָרנט אין דער ערשטער ריי, שפּרינגט אַראָפּ פֿון דער עסטראַדע און פֿאַרנעמט אַ פּלאַץ צווישן די געסט. זײַן פֿרוי האַלט אים אין איין ווישן זײַן פֿאַרשוויצט פּנים. לעבן זיי שפּילן זיך זייער זעקסיאָריקע טאָכטער און דער קליינער יהושוע, וואָס איז אין צווישנצײַט עולה גדולה געוואָרן בײַ דער פֿאַמיליע פֿונעם לאַגער־קאָמענדאַנט. ניט בלויז ווי אַ שיכפּוצער, נאָר אויך אין האָדוועןן קראָליקעס, רייניקן און פּוצן זייער רײַטפֿערד, און נאָך פֿאַרשיידענע הויזאַרבעטן פֿירט ער אויס און כּאילו געוואָרן אַ טייל פֿון דער פֿאַמיליע. ער טראָגט ספּאָרטיווע געפּאַסטע רײַטהויזן מיט שטיוולעך. זײַן בלאָנדער קאָפּ האָר איז ניט אָפּגעגאָלט ווי בײַ די העפֿטלינגען, נאָר שיין פֿאַרקעמט מיט אַ

שרונד אין מיטן. בלויז בײַ נאַכט שלאָפֿט ער אונטער די שטעכלדראָטן אינעם בלאָק מיט די פּראָמינענטע פֿון לאַגער. פֿון דער ווײַטנס אויף דר׳ערד זיצט איטשע־מאיר, אַ געוועזענער גערער חסיד און האַלט אין איין ווינקען צום ייִנגל. דאָס ייִנגל ווינקט אים צוריק, אַז ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער וויל אים זען. פֿאַר נאַכט קומט אַרײַן יהושוע אינעם בלאָק 13.

איטשע־מאיר נעמט אים אַרום און זאָגט צו אים: ״יהושוע, דײַן טאַטע־מאַמע אין הימל מיִען זיך פֿאַר דיר זייער שטאַרק. הער זיך צו, יהושוע, וואָס איך זאָג דיר. מאָרגן איז ערבֿ פּסח. איך וויל, אַז דו, דער ייִנגטער אין לאַגער זאָלסט פֿרעגן די פֿיר קשיות. כאָטש ס׳איז היינט דאָ אַ סך מער ווי די פֿיר קשיות צו פֿרעגן. כ׳זאָל, חלילה, ניט זינדיקן מיט די רייד, ווער קאָן ען פֿאַרשטיין דעם ה׳ יתברכס דרכים? אַז דו זאָלסט קענען פֿרעגן די פֿיר קשיות מוז מען האָבן מצות, יאָ? אויפֿן ווײַן וועלן מיר דאָס מאָל מוותּר זײַן, אָבער מצות קענען מיר יאָ האָבן, בלויז יוצא זײַן. און צו באַדויערן, אויך ניט אַלע אסירים. איז הער זיך צו, מאָרגן, ווען אַלע וועלן זײַן בײַ דער אַרבעט זאָלסטו אַרײַנגיין אין דער קיך און זאָגן היינריך דעם שווײַצער, וועלכער אַרבעט דאָרט אַלס צווייטער קאָך, אַז איך, איטשע־מאיר האָב דיך געשיקט, אַז ער זאָל אַזוי גוט זײַן און אָרגאַניזירן פֿאַר מיר אַ ביסל מעל צו באַקן מצות, ווײַל מיר האָבן היינט בײַ נאַכט, נו, קענסט דאָך אַ ביסל דײַטש, אַ רעליגיעזע צערעמאָניע. ער וועט שוין פֿאַרשטיין וואָס איך מיין. ער איז אַ ווילער יונג. ער זיצט, נעבעך, אין חד־גדיא און ווייסט ניט אַפֿילו פֿאַר וואָס ער זיצט. ער האַלט זיך פֿאַר אַ דײַטש, און די דײַטשן זאָגן, אַז ער איז גאָר אַ ייִד, ווײַל זײַן באָבע איז געווען אַ ייִדישע.״

היינריך דער שווײַצער האָט שווײַגנדיק אויסגעהערט יהושוען און איז פֿאַרשוווּנדן אין אַ זײַטיקער טיר פֿון דער גרויסער קיך.

ווען ער איז צוריק געקומען האָט ער געהאַלטן אַ פּעקל מעל פֿאַרפּאַקט אין גרוי פּאַפּיר און עס דערלאַנגט יהושוע׳ן, זאָגנדיק ווי צו זיך: ״יאַ, יאַ, דער איטשע־מאיר, דער איטשע־מאיר...״

איטשע־מאיר שטייט אין מיטן בלאָק 13 מיט פֿאַרשאַרצטע אַרבל פֿון זײַן קאַצעט־בלוזע און קנעט דאָס ביסל אָרעם טייג, זאָגנדיק דערבײַ אויפֿן קול: ״הללויה הללו עבדי ה׳... יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם... בצאת ישׂראל ממצרים, בית יעקבֿ מעם לעז...״

לעבן אים אויף אַ טישל וועלגערט אַ יונגער העפּטלינג מיט אַ שטיק האָלץ די קליינע שטיקלעך טייג, וואָס איטשע־מאיר דערלאַנגט אים. אַ דריטער העפּטלינג לייגט עס אַרויף אויף אַ קליין אײַזערן צעגליט אייוועלע, וואָס שטייט אין מיטן בלאָק. אַרום שטייען, ווי היפּנאָטיזירט, אויסגעסוכעטע ביז צום טויט פֿון הונגער סקעלעטישע סטראַשידלעס, און אָטעמען אין זיך אַרײַן דעם ריח ניחוח משוגע צו ווערן פֿון די קליינע, מיניאַטור געבאַקטע מצהלעך. איינער אַזאַ אויסגעסוכעטער מוזלמאַן, וואָס קען זיך מער ניט באַהערשן, פֿאַלט צו צום אייוועלע, כאַפּט אַראָפּ אַ מצהלע און פֿאַרציקט עס אין אַ סעקונדע. ער באַמערקט ווי צענדליקער אויגן אַרום קוקן אויף אים. ער ווערט שטאַרק פֿאַרשעמט און אין זײַנע אויגן באַווײַזן זיך טרערן. אַ זעלטנקייט, אַז אַ מוזלמאַן קען נאָך וויינען. איטשע־מאיר דערנענטערט זיך צום העפּטלינג, וואָס זעט אויס ווי אַ סטראַשידלע מיט צעפּליקטע, פֿאַרפּוילטע, אַראָפּגעהאָנגענע לאַגער־בגדים און פֿרעגט אים: ״ווי אַלט ביסטו?״

די סטראַשידלע צעעפֿנט אַ פּאָר קאַצעטישע אויגן און ענטפֿערט:

״איך... איך געדענק ניט. איך געדענק, אַז אין דער היים, קורץ פֿאַר דער אַקציע האָב איך אָנגעהויבן צו לייגן תּפֿילין.״

״און ווי הייסטו? געדענקסטו?״

„אָט הייס איך״, – און ער ווײַזט מיטן פֿינגער אויף זײַן לאַגער־נומער, 27749.

„איך מיין, אָבער, ווי אַזוי האָסטו געהייסן אין דער היים?״

„יאָ, אין דער היים, – האָט ער געענטפֿערט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען מיט אַ טויזנט יאָר צוריק, – עס דאַכט זיך מיר, אַז חיימל. יאָ, יאָ, חיימל האָב איך געהייסן״, – האָט ער אויסגערופֿן מיט ניצחון, אַז ער געדענקט זײַן נאָמען.

„איז הער זיך צו, חיימל, – זאָגט צו אים איטשע־מאיר מיט אַ שמייכל, – אַצינד קענסטו מער ניט עסן קיין מצות, ווײַל דו וועסט ניט האָבן קיין אַפּעטיט צו די מצות בײַם סדר. און דער מינהג איז, אַז בײַם סדר דאַרף מען עסן די מצות מיט אַ גרויסן אַפּעטיט.״

די אויסגעסוכעטע, סקעלעטישע סטראַשידלעס, וואָס שטייען אַרום, ברעכן אויס אין אַ הילכיק געלעכטער, וואָס איז ניט מער ווי אַ פֿאַרקרומט פּנים, אַ ספֿק פֿון לאַכן אָדער וויינען, און אפֿשר ביידע צוזאַמען אין דער זעלבער צײַט. דער קאַפּאָ פֿונעם בלאָק, אַ פּאָליטישער דײַטשישער העפֿטלינג שטייט אין אַ זײַט און קוקט זיך צו מיט צעעפֿנטע אויגן צו דער צערעמאָניע, וואָס גייט דאָ פֿאָר.

עס הערט זיך אַ שאָס. אַלע הערצער שטעלן זיך אָפּ. אַ העפֿטלינג פּראַלט אַרײַן אינעם בלאָק, ניט קענענדיק דעם אָטעם כאַפּן, – „ר' איטשע־מאיר! ר׳ איטשע־מאיר! – רופֿט ער, – דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט דערשאָסן יהושוע!!!

# דער נאַרישער יוזעק

מע רופֿט מיך Głupi Józek – נאַרישער יוזעק. עס איז דער דריטער זונטיק נאָך מיטאָג פֿון חודש, ווען מיר באַקומען אַ האַלבן טאָג פֿרײַ זיך צו לויזן. דער גאַנצער לאַגער העפֿטלינגען ליגט אין דרויסן פֿאַר די באַראַקן און מאַכט "פּאָלאָוואַניע" אויף די אַכטפֿיסיקע שרצימלעך. די פֿרילינגזון וואַרעמט און די מאָנסטערלעך קריכן אַרויס פֿון די נאַרעס, פֿון אונטער די קאַצעט־בלוזעס, פֿון די הויזן, פֿון צווישן די פֿיס, פֿון אונטער די אָרעמס, פֿון די נאָזלעכער, און ס׳איז זיי לײַכטער צו פֿאַנגען. בלויז די לײַז, וואָס קלאַמערן זיך טיף אינעם גוף און צאַפּן דאָס בלוט איז שווער אַוועקצורײַסן. דער גוף איז רויט, צעבלוטיקט פֿון קאָפּ ביז פֿיס. יעדער איינער האָט אַ פֿלעשל אַרײַנצולייגן וואָס מער לײַז. פֿאַר אַ פֿערטל ליטער לײַז באַקומט מען אַ פּאָרציע זופּ. איך פֿיל שטענדיק אָן ניט נאָר אַ פֿערטל, נאָר אַ האַלבן ליטער לײַז. דערפֿאַר באַקום איך גאַנצע צוויי פּאָרציעס זופּ מיט אַ פּײַקע ברויט דערצו ווי אַ באַלוינונג. די חכמים אין לאַגער וואַשן זיך ווי נאָר זיי האָבן אַן אָקאַזיע און קענען אַפֿילו ניט אָנפֿילן דעם פֿערטל ליטער לײַז. דערפֿאַר פּגרן זיי אַוועק פֿון הונגער, אָבער זויבערהייט. איך, דער נאַר, וואַש זיך קיין מאָל ניט. אַפֿילו ניט די הענט. דערפֿאַר האָדעווע איך מער לײַז פֿון אַלע. איך פֿאַרטיליק זיי קיין מאָל ניט, ווי אַנדערע, נאָר שטופּ זיי לעבעדיקערהייט אינעם פֿלעשל. "דאָך גאָטס באַשעפֿענישן", – טראַכט איך זיך. "אוי, לײַז, אָרעמע לײַז, – רעד איך צו זיי, – אַ רחמנות אויף אײַך. איך קאָן אײַך פֿאַרזיכערן, אַז קיין עולם־הבא וועט איר ניט יורשענען, ווײַל איר האָט ניט קיין קריסטלעך האַרץ..."

די העפּטלינגען מאַכן חוזק פֿון מיר, פֿונעם נאַרישן יוזק, וואָס שטאַמט פֿון ״Zimna Dupa״, אַ פֿאַרוואָרפֿן דאָרף צווישן וואַרשע און לובלין, די דײַטשן רופֿן עס ״Dass kalte Arschloch.״ די באַן, וואָס פֿאָרט פֿאַרבײַ דעם דאָרף, שטעלט זיך דאָ קיין מאָל ניט אָפּ, אָבער האַלט אײַן די גיכקייט און דער קאָנדוקטאָר רופֿט אויס:

Zimna Dupa! Wyskakiwać!

קאַלטער תּחת! אַראָפּשפּרינגען!״
מיר אַרט ניט, אַז מע לאַכט פֿון מיר און מע רופֿט מיך ״נאַרישער יוזעק.״ כ׳בין דאָך אַ נאַר, טאָ וואָס קאָן מיך אַרן? ווי אַ נאַר, זאָג איך יעדן איינעם אַרײַן דעם אמת, וואָס עס קומט מיר אויף דער צונג. ווען כ׳האָב געזען ווי אַ זשיד האָט געשלאָגן אַ צווייטן זשיד, בין איך אויף אים אַרויף מיט אַ קללה, אַז ס׳איז אַ חרפּה צו שלאָגן אַן אייגענעם ברודער. אויך ווען אַ קאַפּאָ פֿון אונדזערע מענטשן האָט אַרײַנגעמקלט מיטן קאַנטשיק פֿינף און צוואַנציק אינעם גאָלן תּחת פֿון אַ קליינעם זשיד אין מײַן עלטער, האָב איך אים געמוסרט, אַז ס׳איז ניט שיין פֿאַר אַן עכטן פּאָליאַק, אַ קריסט, דאָס צו טאָן. דער קאַפּאָ איז מיר איבערגעפֿאָרן מיטן קאַנטשיק, אָבער אויפֿגעהערט צו שלאָגן דאָס ייִנגל, וואָס וואָלט די קלעפּ ניט אויסגעהאַלטן.

ווען די וואַרשעווער ״פּאָוסטאַנצעס״ זענען אָנגעקומען אין לאַגער אַרײַן האָט מען זיי פֿײַנט געהאַט, די אינטעליגענטן, וואָס קוקן אויף אונדז, כלאָפּעס, פֿון אויבן אַראָפּ. ניט איין מאָל פֿאַלן קלעפּ צווישן אונדז, שמוגלערס און גנבֿים. און זיי, די מכלומפֿרשטע פּאַטריאָטן, באָהאַטירעס, וואָס האָבן חרובֿ געמאַכט וואַרשע...

״אײַ, איר מעגט זיך שעמען! – זאָג איך זיי אַרײַן מיט מײַן שטאַמלדיק פֿויעריש, – ווען ניט מיר, שמוגלערס, וואָלט איר

געפּגרט פֿון הונגער מיט אײַערע משפּחות. מיר, כלאָפּעס, האָבן ריזיקירט מיטן לעבן און אַרײַנגעשמוגלט אין די שטעט, אַז איר זאָלט האָבן וואָס צו פֿרעסן. דערפֿאַר פֿוילן מיר דאָ אין קאַ־קאַ־צעט.״

אַלע נעמען אָן אַ פּאָרציע שטומעניש, און איינער רופֿט זיך אָן: ״דער נאַרישער יוזעק איז ניט אַזאַ נאַר. ער טראָגט אויף זײַן קאַרק אַ ממזרישן זשידאָווסקן קאָפּ.״

איך שפּײַ אויס, צלם זיך איבער און ברעך אויף אים אויס מיט די ערגסטע קללות, דהײַנו, – אַז אַ ממזר אַ זשיד איז ער אַליין. בײַ דער אַרבעט אין דער ״מעסערשמידט־פֿאַבריק״, וואָס געפֿינט זיך אין אַ ריזיקן טונעל, לעבן גוזענצווײַ, טוען מיר, די שמוגלערס און גנבֿים, די שווערסטע אַרבעט. די איידעלע שטאָטישע אינטעליגענטן וואָלטן דאָס ניט אויסגעהאַלטן, געווי ווי די ייִדן, וואָס פֿאַלן ווי די פֿליגן.

אָבער די ייִדן געפֿינען זיך שוין אין לאַגער עטלעכע יאָר און מוזן אויך אַרבעטן אין די זונטיקן, און די שטאָטישע – קוים עטלעכע וואָכן. און דאָך האָבן זיי פֿײַנט די ייִדן אַ סך מער ווי מיר. קיין וווּנדער ניט. מיר, שמוגלערס און גנבֿים, האָבן דאָך ריזיקירט מיטן לעבן און זיך געפֿילט ווי האַלבע ייִדן.

אין אַ שיינעם זונטיק נאָך מיטאָג ווען דער גאַנצער לאַגער איז געווען אַרײַנגעטאָן אין דער עבֿודה צו פֿאַנגען לײַז, האָט דער לאַגער־עלטסטער באַמערקט ווי איך רעד צו די לײַז. די העפֿטלינגען האָבן אים דערציילט, אַז איך בין אַ דאָרפֿישער משוגענער. ער האָט זיך אויפֿגעשריבן מײַן קאַצעט־נומער און באַשלאָסן, אַז קיין משוגענעם דאַרף מען דאָ ניט האָבן. צו מאָרגנס פֿרי, ווען דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט אויפֿגנומען דעם אַפּעל פֿאַרן אַרויסמאַרש צו דער אַרבעט, האָט ער אים וועגן מיר

געמאָלדן. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט באַפֿוילן אויסצופֿאָרשן די דאָסיע פֿונעם העפֿטלינג. צוויי מאָל האָט מען מיך געפֿאָרשט אין דער קאָמענדאַטור פֿון לאַגער דורך אַן איבערזעצער. פֿון מײַן שטאַמלדיקן פויערישן לשון האָט אַפֿילו דער איבערזעצער קיין סך ניט פֿאַרשטאַנען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך זיץ אין לאַגער צוליב אַ טעות. אַ שמוגלער מיטן נאָמען באָגדאַן גאָדיצקי, וואָס מע האָט אים דערשאָסן צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי אויפֿן פּאָוויאַק, אין וואַרשע, פֿאַר שמוגלען געווער, האָט אויסגענוצט אַ דאָרפֿיש ייִנגל פֿון אַ יאָר דרײַצן־פֿערצן, וואָס איז ניט אין גאַנצן בײַ די קלאָרע געדאַנקען. אויסצופֿאָרשן מער פּרטים וועגן מיר אין מײַן געבורטסדאָרף ״זשימנאַ דופּאַ״ איז ניט געווען מעגלעך, ווײַל די געגנט איז שוין געווען פֿאַרנומען דורך די באָלשעוויקעס. אין גיכן איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל פֿון בערלין מיך צו באַפֿרײַען. מע האָט מיך געבראַכט אין אַ באָד אַרײַן, געגעבן ציווילע מלבושים, אַ גרין שטיקל פּאַפּיר, אַז כ׳בין באַפֿרײַט, אַ לאַבן ברויט און אַ בילעט מיט דער באַן קיין וואַרשע. די העפֿטלינגען האָבן מיך באַגלייט ביז צום אַרויסגאַנג־טויער ניט גלייבנדיק זייערע אייגענע אויגן. וואָס הייסט, אַ קאַצעטניק ווערט באַפֿרײַט?

״ררראַוס!״ – האָב איך דערהערט אַ געשריי פֿונעם וואַכמאַן, וואָס איז געשטאַנען בײַם טויער. איך האָב אָנגעהויבן צו לויפֿן ווי אַ לונאַטיקער מיט ציטערדיקע פֿיס, מורא געהאַט אַפֿילו זיך אומצוקוקן. דאָך האָב איך זיך אומגעקוקט צי דער וואַכמאַן יאָגט מיך ניט נאָך. כ׳האָב דערזען ווי דער גאַנצער לאַגער העפֿטלינגען פֿאָכען צו מיר מיט די הענט. פֿאַרשטייט זיך, מיר מקנא געווען. איך האָב צוריקגעפֿאָכעט מיט דער האַנט און דאָס ערשטע מאָל צו זיי געלאַכט, ניט ווי דער נאַרישער יוזעק, נאָר ווי ״יאָסעלע קרוין״, ווי מײַן מאַמע פֿלעגט מיך רופֿן. באַלד האָב איך זיך געכאַפּט וואָס איך טו און אַרויסגעלאָזט אַ הילכיק געלעכטער פֿון אַן אמתן

משוגענעם, ביז כ׳בין ניט אָנגעקומען אינעם חרובֿ געוואָרענעם וואַרשע און זיך איבערגעשמוגלט איבערן ווײַסל קיין פּראַגע, וואָס די סאָוועטן האָבן שוין געהאַט פֿאַרנומען, האָב איך אַפֿילו מורא געהאַט צו טראַכטן ווער איך בין...

ביסלעכווײַז האָב איך אָנגעהויבן זיך צו דערמאָנען אין מײַן מאַמע. זי איז מיר געשטאַנען פֿאַר די אויגן, געציילטע מינוטן איידער מען איז אונדז געקומען נעמען.

״יאָסעלע קרוין, מײַן אוצר, – האָט זי זיך בײַ מיר געבעטן, – זע זיך צו ראַטעווען! פּויעריש רעדסטו, טריאַטער שפּילסטו, נאָכמאַכן מאַכסטו אַלע נאָך, בלאָנד ביסטו, גרינע אויגן האָסטו, טאָ לויף איבער דער וועלט ווי אַ משוגענער. דו ביסט מער ניט קיין ייִד!״

און איך האָב אָנגעהויבן צו לויפֿן...

כ׳בין אַרײַנגעלאָפֿן צו מײַן חבֿר טאַדעק, וואָס האָט געוווינט בשכנות מיט אונדז אין עק דאָרף. ער האָט מיך באַהאַלטן אונטער דער קאָרעטע פֿאַר די חזירים. אַ מאָל האָט ער מיך באַשולדיקט אין דערהרגענען זייער גאָט, אָבער שפּעטער זענען מיר געוואָרן די בעסטע חבֿרים. זעט אויס, אַז ער האָט גוט געדענקט דעם שאָס, וואָס ער האָט פֿון מיר אַרײַנגעכאַפּט נאָך אַזאַ באַשולדיקונג. אַזוי ווי כ׳בין געווען דער שטאַרקסטער פֿון אַלע שקצים אין דאָרף, בין איך געוואָרן דער ראָש פֿון אַ באַנדע, וואָס האָט געקעמפּט קעגן אַ באַנדע שקצים פֿון אַ צווייטן דאָרף.

די מאַמע מײַנע פֿלעגט מיך מוסרן, אַז איך גיי ניט אין חדר אַרײַן, און אַז אַפֿילו קיין קדיש וועל איך נאָך איר ניט קענען זאָגן. איך האָב פֿײַנט געהאַט דעם חדר וואָס איז געווען אין שטאָט, אַ וויאָרסט צוויי פֿון דאָרף. ווען אַלע ייִנגלעך האָבן שוין געלערנט חומש־רש״י, האָב איך נאָך ניט געקענט דעם אַלף־בית. די ייִנגלעך פֿלעגן פֿון מיר לאַכן, בײַ זיי בין איך געווען ״יאָסעלע פּערד.״ איך

בין טאַקע שטאַרק געווען ווי אַ פֿערד און ליב געהאַט צו רײַטן מיט די שקצים אויף פֿערד. פֿון צוויי זאַכן האָבן די חדר־ייִנגלעך אָנגעקוואָלן, – ווען כ׳האָב נאָכגעמאַכט דעם רבין, און ווען כ׳האָב איין מאָל אים אַ שטופּ געגעבן און ער איז געפֿאַלן אויף דער ערד, ווען ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאַנטשיק אויף מיר. דער רבי איז אויפֿגעשטאַנען אַ בלאַסער ווי די וואַנט און אַ זאָג געטאָן: ״שמדניק! ממזר וואָס דו ביסט!״ פֿון דעמאָלט אָן בין איך מער ניט געגאַנגען אין חדר.

נאָך איידער כ׳בין געגאַנגען אין חדר אַרײַן, האָט די מאַמע מיר דערציילט דעם אמת, אַז דער טאַטע איז ניט געשטאָרבן, ווי זי פֿלעגט מיר תּמיד ענטפֿערן אויף מײַן פֿראַגע – פֿאַר וואָס איך האָב ניט קיין טאַטע ווי די אַנדערע קינדער, נאָר נאָך ערגער ווי געשטאָרבן. דערבײַ האָט זי זיך געווישט די טרערן מיטן טיכל און אַרויסגעלאָזט אַ קללה: ״דער שמדניק, ימח שמו, איז אַוועק מיט אַ שיקסע און מיך איבערגעלאָזט אַליין מיט אַן עופֿהלע, מיט דיר, יאָסעלע־קרוין, מיט דיר.״ איך האָב רחמנות באַקומען אויף דער מאַמען און פֿײַנט געקראָגן דעם טאַטן, וואָס כ׳האָב גאָר ניט געקענט.

ווען אַ וואָגן איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן אונדזער כאַלופּע, האָט די מאַמע געוויזן מיטן פֿינגער: ״אָט איז ער, דער שמדניק״, – און אַרויסגעלאָזט אַ קללה. איך בין אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער שטוב און נאָכגעלאָפֿן דער פֿור מיט כּעס און נײַגער. כ׳האָב געוואָלט רופֿן: ״משומד! שמדניק!״

עפּעס האָט אין מיר גערופֿן ״טאַטע, טאַטע״, אָבער בלויז אין מיר, אינעווייניק. איך בין געווען געליימט, פֿאַרשטומט, און דאָס וואָרט ״טאַטע״, וואָס כ׳האָב עס קיין מאָל ניט אַרויסגערעדט, בשום־אופֿן ניט געקענט אַרויסברענגען פֿון מײַן מויל. כ׳בין אַרויף

אויפֿן עק וואָגן פֿון הינטן. דער טאַטע האָט זיך אומגעקוקט און געוואָלט מיר פֿאַרפֿאָרן מיט דער בײַטש. אָבער זי איז געבליבן הענגען אין דער לופֿטן. ער האָט מיך אַרומגענומען און צו מיר געזאָגט: ״יאָסעלע, דו ביסט ניט מײַן זון! דײַן מאַמע האָט זיך געבאַרעט מיט אַ ״פֿאַראָבעק״[1], וואָס האָט בײַ אונדז געאַרבעט. ער איז דײַן טאַטע!״ איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם וואָגן מיט אַ געוויין און אין כּעס, ניט וויסנדיק קעגן וועמען.

דער מאַמען האָב איך דאָס קיין מאָל ניט דערציילט. איך האָב דאָך די מאַמע ליב געהאַט, כ׳לעבן, געווי ווי זי האָט מיך ליב געהאַט. עטלעכע מאָל אין יאָר, אום יום־טובֿ, זענען מיר געגאַנגען אין שטאָט, אין שול אַרײַן דאַוונען.

ס׳איז געווען יום־כּיפּור בײַנאַכט. כאָטש די מאַמע האָט מיר געגעבן אַ מחזור, האָב איך ניט געוווּסט פֿון מײַן לעבן וואָס צו זאָגן. כ׳בין געשטאַנען ווי אַ גולם. אַ ייִד לעבן מיר האָט מיר געוויזן ווו מען האַלט. ס׳האָט אָבער גאָרניט געהאָלפֿן. פֿאַר בושה האָב איך זיך געמאַכט כּאילו דאַוונען, און זיך געשאָקלט מער פֿון די אַנדערע. דער ייִד לעבן מיר האָט אויף מיר געקוקט און אַ זיפֿץ געטאָן: ״נעבעך, אַ דאָרפֿס־ייִנגל, אַן עם־הארץ.״..

מיט אַ מאָל האָט זיך געלאָזט הערן אַ גוואַלד פֿון דער ווײַבערישער שול, – ״אַ שׂריפֿה!״ עס זעט אויס, פֿון אַ ליכטל, און שוין ברענט דער גאַנצער בנין. אַ בהלה, אַ דרענגעניש, געהרגעט צו ווערן. געשרייען, געוואַלדן: ״פֿײַער־לעשערס! פֿײַער־לעשערס!״ דער פֿײַערגלאָק אויפֿן מאַרק מיט די גלאָקן פֿון דער טומאה צעהילכן זיך איבער דער שטאָט. מענטשן, מענטשן אָן אַ שיִער!

[1] פֿאַראָבעק - אַ פּויערן־קנעכט

אָבער ווּ זענען די פֿײַער־לעשערס? אַ יונגע יִדענע צעיעלכט זיך, רײַסט זיך בײַ די האָר, איר קינד אינעם וויגעלע איז געבליבן אין דער ברענענדיקער שול. איך קלער ניט קיין סך, רײַס אַראָפּ דאָס טיכל פֿון איר קאָפּ, לייג עס אַרײַן אין אַ וויאָדרע וואַסער, וויקל עס מיר אַרום איבערן קאָפּ און לויף אַרײַן אין דער ברענענדיקער שול. איך כאַפּ אָן דאָס וויגעלע מיטן קינד און דאָ דערזע איך אַן אַלטיטשקע שטיין ווי געליימט. כ׳לויף קודם־כּל אַרויס מיטן קינד, וואָס שטיקט זיך פֿון רויך און שוין בין איך צוריק. איך כאַפּ אָן די אַלטיטשקע און באַמערק אַ יונג מיידל, זעט אויס ניט אין גאַנצן בײַ די קלאָרע געדאַנקען, – כ׳שלעפּ זיי ביידע אַרויס. אויפֿן מיידל ברענען שוין די קליידער. איך נעם אָן אַ וויאָדרע וואַסער און צוואָג זי אָן, וואַרף זי אַוועק אויף דער ערד און וואַלגער זי אויפֿן זאַמד. נאָך איידער די פֿײַער־לעשערס גראַבלען זיך אויס, שטייט שוין די שול אין אַש. קיין וווּנדער נישט. די שול איז געווען פֿון האָלץ און דערבײַ נאָך די ווענט פֿול מיט ספֿרים. שוין שטייען די מענטשן אַרום מיר מיט דער מאַמען און האַלדזן מיך, ווײַבער קושן מיר די הענט און האַלטן מיך אין איין לויבן. דער רבֿ פֿון שטאָט קומט צו און רופֿט אויס: ״אַ צדיק! דאָס יִנגל איז אַ צדיק און זײַן מאַמע איז אַ צדקת!״

ער לייגט אַרויף די הענט אויף מײַן קאָפּ און בענטשט מיך.

״אָמן!״ – רופֿט דער עולם אַרויס. מע טוט גומל בענטשן.

״יִדן, – זאָגט דער רבֿ, – מיר וועלן ממשיך זײַן כּל־נדרי דאָ, אין דרויסן.״

די ווײַבער רוקן זיך אָפּ אין אַ זײַט און דער בעל־תּפֿילה הייבט אָן דאָרט, ווּ ער איז איבערגעהאַקט געוואָרן. די גויִים פֿון דער שטאָט שטייען אַרום און קוקן זיך צו. אַ טייל פֿון זיי צלמען זיך, הערנדיק די האַרצרײַסנדיקע תּפֿילה.

זינט דעמאָלט אָן פֿלעגט מען אונדז פֿאַרבעטן אין די ייִדישע היימען אין שטאָט. מ׳האָט אָנגעהויבן זוכן אַ שידוך פֿאַר דער מאַמען. די צרה איז אָבער געווען וואָס דער טאַטע האָט בשום־אופֿן ניט געוואָלט געבן קיין גט. מע האָט פּרובירט מיט גוטן און מיט בייזן, ס׳האָט ניט געהאָלפֿן. צו אַ דין־תּורה איז ער ניט געגאַנגען און אַפֿילו קיין געלט ניט געוואָלט נעמען. צום סוף האָט מען אונטערגעקויפֿט דעם קאָמענדאַנט פֿון דער פּאָליציי און דעם טאַטע האָט מען אַרעסטירט.

נאָך אַ וואָך זיצן אין דער חד־גדיא און אַרײַנכאַפּן געזונטע פּעטש פֿונעם קאָמענדאַנט, מיט אַ באַשולדיקונג, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, ווײַל ער וויל זיך ניט אונטערוואַרפֿן די געבאָטן פֿון זײַן ייִדישן גלויבן, און קיין אַנדערן גלויבן האָט ער ניט, איז דער טאַטע מסכּים געווען אונטערשרײַבן דעם גט. די מאַמע האָט מען משדך געווען מיטן טויבן שטאָט־פֿריזירער, וואָס האָט געשפּילט שיין אויפֿן פֿידל. אָבער דער אינטעליגענטער פֿריזירער, אַפֿילו ער האָט ליב געהאַט מײַן שיינע און יונגע מאַמע, האָט ניט געוואָלט לעבן אין דאָרף און די מאַמע האָט ניט געוואָלט זיך שיידן מיט דער ערד, צו וועלכער זי איז געווען שטאַרק צוגעבונדן. דאָס האָט זי געירשנט פֿון אירע עלטערן, זיידעס און עלטער־זיידעס, נאָך דעם ווי איר עלטערער ברודער, דער יורש, איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע.

צום סוף האָט מען די מאַמע משדך געווען מיט אַ פֿאַרזעסענעם שוסטער־יונג, וואָס איז געווען גרייט צו קומען אין דאָרף און ווערן אַן ערד־אַרבעטער. אַלץ איז גוט און שיין, איז אָבער אַ מלחמה אַרײַנגעשפּרונגען אין מיטן.

דעם שוסטער־יונג, פֿײַוועלע איז געווען זײַן נאָמען, האָב איך ליב באַקומען פֿון ערשטן אויגנבליק. מע האָט אים, אָבער, מאָביליזירט און ער איז געפֿאַלן בײַם פֿאַרטיידיקן וואַרשע.

איך מיט דער מאַמען זענען געבליבן אין דאָרף, די ייִדן אין שטאָט זענען אַרײַן אין געטאָ און דער סוף איז באַקאַנט...

בײַ טאַדעקן אונטער דער קאָרעטע פֿאַר די חזירים בין איך געלעגן עטלעכע טעג. כ׳געדענק ניט וויפֿל. דאָס עסן האָט ער מיר איין מאָל אין טאָג דערלאַנגט מיט זײַן מאַמעס וויסן.

אין אַ רעגנטאָג פֿאַרנאַכט בין איך אַרויפֿגעשפּרונגען אויף דער באַן קיין וואַרשע. ווען דער קאָנדוקטאָר האָט בײַ מיר געבעטן דעם בילעט, האָב איך אַרויסגענומען עטלעכע זלאָטעס און עס אים דערלאַנגט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז איך קען ניט ציילן, האָט ער גענומען דרײַ זלאָטעס און אַרײַנגעלייגט אין קעשענע. איך בין געווען צופֿרידן, אַז דער ערשטער פּרוּוו צו שפּילן אַ נאַר, ווי די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט, איז מיר געלונגען. אַ מאַן, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף מיר. כ׳האָב געפֿילט, אַז ער וווּנדערט זיך וואָס איך בין באָרוועס.

״וווּהין, ייִנגל?״ – האָט ער מיך געפֿרעגט.

״צו... צו... צו זוכן אַרבעט״, – האָב איך געשטאַמלט אין מײַן פּויעריש לשון.

״קיין וואַרשע?״

״קאַ... קאַ וואַרשע.״

אַ מינוט האָט ער געשוויגן.

״ווי הייסטו?״

״Józek... Gu... Gu... Głupi Józek.״

״דו ביסט ניט אַזאַ גלופּי, נאָר דו שטאַמלסט.״

״יאַ... יאַך שטאַמל ניט. יאַך רע... רעד אַזוי.״

״איך האָב פֿאַר דיר אַרבעט. אויך אַ בעט צו שלאָפֿן. איך ווין אין לובלין. דו האָסט אַ שוויאַדעצטווע? ווי אַלט ביסטו?״

״כ׳... כ׳... כ׳ווייס ניט. כ׳בין אַ ׳פֿאַראָבעק׳״, – און כ׳האָב זיך געצלמט.

״אָט האָסטו אַ קויש מיט אייער און פּוטער. אויב ס׳וועט אָנקומען אַ דײַטשישער קאָנטראָל זאָלסטו זיך מאַכן שלאָפֿן.״

און אַזוי בין איך געוואָרן אַ געהילפֿס־שמוגלער בײַ באָגדאַן גאָדיצקי. ער האָט ניט געאַרבעט אַליין. ס׳איז געווען אַ גאַנצע באַנדע, וואָס האָט געשמוגלט פּראָדוקטן מיט פֿאַרשידענע סחורות, און אַפֿילו געווער, קיין וואַרשע. וואָכן און חדשים זענען פֿאַרבײַ מיט אַ סך פּחד און ציטערניש, מע זאָל אונדז ניט כאַפּן. ניט איין מאָל האָבן אונדז דײַטשישע זשאַנדאַרמען פֿאַרהאַלטן, קאָנפֿיסקירט די סחורה און אַרויפֿגעלייגט אויף אונדז אַ געלטשטראָף.

גאָדיצקי, זײַן פֿרוי און זייערע דרײַ קינדער האָבן זיך לגבי מיר זייער גוט אויפֿגעפֿירט. קיין געלט האָט ער מיר ניט געגעבן, נאָר געגעסן האָב איך דאָס זעלבע וואָס זיי און געשלאָפֿן אין אַ שטוב, אָנגעלייגט מיט סחורות און מיט אַ גרויסן וואָלפֿהונט, מיט וועלכן איך האָב זיך גלײַך באַפֿרײַנדט. איך פֿלעג שלאָפֿן מיט אַ שמאַטע אין מויל און געאָטעמט נאָר דורך דער נאָז. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז כ׳וועל רעדן פֿון שלאָף אין מאַמע־לשון. זונטיק בין איך מיט דער גאַנצער משפּחה געגאַנגען אין קלויסטער אַרײַן צו דער פֿרימאָרגן־מעסע, און אין טאָג פֿון ניטל האָב איך מיטגעמאַכט דעם ווידוי בײַם גלח און באַקומען אויף דער צונג דאָס הייליקע, געבענטשטע ברויט – האָסטיע־ברויט.

די אידיליע האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אין אַ שיינעם טאָג, ווען די משפּחה איז געזעסן בײַם טיש צום מיטאָג האָט זיך די געסטאַפּאָ

אַרײַנגעריסן אין הויז און דורכגעפֿירט אַ רעוויזיע. דעם וואָלפֿהונט האָבן זיי אויפֿן אָרט דערשאָסן, אַלע אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט קיין וואַרשע. נאָך אַ חודש צײַט זיצן אויפֿן פּאַוויאַק האָט מען גאָדיצקין מיט זײַן פֿרוי דערשאָסן. וואָס מיט זייערע דרײַ קינדער איז געוואָרן ווייס איך ניט. נאָך אַ קורצער אויספֿאָרשונג, כ׳האָב בלויז אַרײַנגעכאַפּט עטלעכע גוטע פּעטש, האָט מען מיך אָפּגעשיקט מיט אַ טראַנספּאָרט שמוגלערס און גנבֿים קיין מאַוטהאַוזען, און פֿון דאָרטן קײַן גוזענצווײַ, וווּ מיר האָבן געאַרבעט אין דער פֿאַבריק פֿון מעסערשמידט בײַ בויען עראָפּלאַנען.

איצט, אַ באַפֿרײַטער, בין איך צוריקגעפֿאָרן אין מײַן דאָרף אַרײַן זוכן די מאַמע. טאַדעק האָט מיר דערציילט, אַז ווען אַ דײַטשישער זשאַנדאַרם מיט אַ פּוילישן פּאָליציאַנט זענען געקומען נעמען די איינציקע יִדישע פֿאַמיליע אין דאָרף און געטראָפֿן בלויז די מאַמע, האָבן זיי זי אויפֿן אָרט דערשאָסן.

איך בין אַ צײַט געבליבן אין דאָרף, מקבר געווען די מאַמע אויפֿן יִדישן בית־עולם אין שטאָט, פֿאַרקויפֿט פֿאַר חצי־חינם אונדזער פֿעלד און אַוועק קיין דײַטשלאַנד אין אַ די־פּי־לאַגער. פֿון דאָרט האָב איך עמיגרירט קיין אַמעריקע צו מײַנעם אַ פֿעטער, דער מאַמעס אַ ברודער.

# כ׳בין געווען אַ הונט

נאָך דער ערשטער אַקציע האָב איך געאַרבעט ביי אַ דייַטשישן אָפֿיציר אין שטאָט. יעדן פֿאַרטאָג פֿלעג איך פֿאַר אים פּוצן די שטיוול, ווי אויך די עלעגאַנטע שיך פֿון זייַן קאָכאַנקע, און זיי אַוועקשטעלן פֿאַר זייער שלאָפֿצימער. פֿאַר דער „גאָספּאָדיני", וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דער ווירשאַפֿט האָב איך אויסגעפֿירט פֿאַרשיידענע אַרבעטן. כ׳האָב געריייניקט די קיך, אַרויסגעשאַרט דאָס אַש פֿונעם אויוון און עס פֿאַרהייצט. בעת זי האָט פֿאַר זיי געגרייט דעם פֿרישטיק האָב איך אין סאַלאָן פֿאַרהייצט דעם גרויסן קאַכל־אויוון, וואָס מיט צוויי וואָכן צוריק האָט נאָך געהערט, אַזוי ווי דאָס גאַנצע הויז, צו דעם רייַכן בן־ציון מור. דער מענטש, וואָס האָט אַ מאָל אייַנגעלייגט וועלטן איז בעת דער אַקציע געווען אַזוי צעתּמט, אַז פֿאַר די אויגן פֿון די זשאַנדאַרמען איז ער אַרייַנגעלאָפֿן אין אַ ליקל, צווישן צוויי הייַזער זיך אויסצובאַהאַלטן. די דייַטשן האָבן אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער און אים דערשאָסן.

כ׳האָב אויך אויסגעפֿירט פֿאַרשיידענע שליחותן פֿאַר דער „גאָספּאָדיני", און זעט אויס, אַז זי איז געווען צופֿרידן פֿון מיר. אָפֿט מאָל פֿלעגט דער אָפֿיציר מיט זייַן קאָכאַנקע אַוועקפֿאָרן מיט אַ בריטשקע, געשפּאַנט אין צוויי, אין דער קרייַזשטאָט, וואָס האָט זיך געפֿונען אַ צען קילאָמעטער פֿון אונדז. דעמאָלט פֿלעגט די „גאָספּאָדיני" מיר דערלאַנגען אַ שיסל זאַלעווייקע־זופּ און אַ לחמא־ברויט מיט פּוטער.

קיין חבֿרים האָב איך מער נישט געהאַט. מע האָט זיי אַלע אַוועקגעפֿירט און אומגעבראַכט. בלויז מיט עטלעכע גוייִשע חבֿרים בין איך נאָך געווען פֿאַרבונדן.

ס׳רובֿ טאָג האָב איך פֿאַרבראַכט אין ״יודנראַט״, זיי געהאָלפֿן איינפּאַקן און פֿאַרזיגלען דאָס ייִדישע פֿאַרמעגן, איידער די דײַטשן האָבן עס אַוועקגעפֿירט.

אין איינעם אַ פֿאַרטאָג האָט די ״גאָספּאָדיני״ מיר באַפֿוילן אויספּוצן אויף גיך די שטיוול פֿונעם אָפֿיציר. ער האָט שוין געגעסן זײַן פֿרישטיק, דאָס מאָל אַליין, אָן זײַן קאָקאַנקע. ס׳האָט אויסגעזען אַזוי, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף מיר. ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ געווער צווישן אַ טוץ ביקסן און צו מיר דאָס ערשטע מאָל אַרויסגערעדט אַ וואָרט, – קום! דאָס איז דער סוף מײַנער, – האָט מיך געוואָרפֿן פֿון פּחד, – ער גייט מיך דערשיסן. איך בין אים נאָכגעגאַנגען אין די פֿעלדער, אַדורכגעהאַקט סעדער, פּויערישע כאַלופּעס, הויפֿן און ווידער פֿעלדער. מיט אַ מאָל נעמט ער אַראָפּ דאָס געווער און גיט אַ שאָס. אַ האָז האָט אָנגעהויבן שפּרינגען און געוואָלט אַנטלויפֿן. נאָך אַ שאָס און דער האָז איז געבליבן ליגן פֿאַרבלוטיקט. ״הונט״, – האָט מיר באַפֿוילן דער דײַטש און אָנגעוויזן מיטן פֿינגער. אָן צו קלערן בין איך אויף אַלע פֿיר אַהינגעלאָפֿן, טאַקע ווי אַ הונט, און מיט די ציין אים געבראַכט דעם דערשאָסענעם האָז, וואָס האָט זיך נאָך געוואָרפֿן.

מיר האָבן געהאַלטן אין איין גיין. ער אויף זײַנע צוויי און איך אויף אַלע פֿיר. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז מײַן רעשט לעבן וועל איך שוין קריכן אויף אַלע פֿיר. ווען מיר זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ דאָרף זענען די דאָרפֿישע אַרויסגעלאָפֿן פֿון זייערע כאַלופּעס זיך צוצוקוקן ווי אַ ייִדיש ייִנגל האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ הונט. טייל פּויערטעס האָבן זיך געצלמט, טייל האָבן געלאַכט, און אַ טייל זענען געשטאַנען פֿאַרשטומט. די שקאָצימלעך זענען מיר נאָכגעלאָפֿן, מיך געקאָפּעט און איך האָב געבילט פֿון ווייטיק, טאַקע ווי אַן אמתער הונט. נאָך גוט וואָס דער

דיַטשישער אָפֿיציר האָט זיי אַוועקגעטריבן און געדרויעט מיטן געווער.

מיטאָגצײַט איז אָנגעקומען זײַן קאָכאַנקע מיט עטלעכע דײַטשישע געסט און זיך פֿאַסמאַקעוועט מיט די פּגרים, וואָס די "גאָספּאָדיני" האָט פֿאַר זיי צוגעגרייט. ווען זי האָט מיר דערלאַנגט אַ שיסל זופּ מיט שטיקער פֿעט פֿלייש פֿון די פּגרים האָט מיך געאיבלט עס צו עסן. און אַזוי יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגן מיר זיך אַרויסלאָזן אויף יאַגד. ער ווי אַ דײַטשישער אָפֿיציר און איך ווי זײַן הונט. איך געדענק שוין נישט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט. אפֿשר אַ חודש און אפֿשר מער.

אין איינעם אַ טאָג, ווען מיר זענען געווען אין מיטן פֿעלד, האָב איך באַמערקט, אַז מען טרײַבט די רעשטלעך ייִדן פֿון מײַן שטעטל צום בית־הקבֿרות. אויך די מענטשן פֿון "יודנראַט" גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אין עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך געהערט אַ שיסערײַ.

ווען כ'בין צוריקגעקומען איז שוין מײַן שטעטל געווען "יודנרײַן." מיט אַ מאָל האָבן זיך מײַנע אויגן אָנגעטראָפֿן מיט אַ קליינעם דײַטש, דעם קאָמענדאַנט פֿון די "גראַנאַטאָווע מונדירן", די פּוילישע פּאָליציי. איך בין געווען זיכער, אַז ער איז געקומען מיך צו דערשיסן. דעם זעלבן טאָג האָט ער דערשאָסן אויפֿן בית־עולם אַ מאַמע מיט אַ זון, וואָס זענען געווען אויסבאַהאַלטן. דער זון פֿון אַ יאָר זעכצן האָט זיך אין דער לעצטער מינוט, ווען זיי זענען שוין געווען אויסגעטאָן נאַקעט, אַ וואָרף געטאָן אויפֿן דײַטש. ביידע האָבן זיך שווער געראַנגלט אויף דער ערד, אָבער דער שייגעץ, וואָס האָט געגראָבן דעם גרוב איז דעם דײַטש געקומען צו הילף און מיטן רידל זאַטלאַמטשעט דאָס ייִנגל.

איך האָב געבעטן די ״גאָספּאָדיני״ צי קען איך נישט נעכטיקן אין הויז, ווײַל כ׳האָב מער נישט קיין היים. זי האָט מיר אָנגעוויזן אויף דער קוילן־קאַמער און מיר צוגעוואָרפֿן אַ קוילנזאַק זיך צוצודעקן.

״זשידעק, אַנטלויף וואָס גיכער, – האָט מיך אין איינעם אַ טאָג זײַן קאָכאַנקע אַ שיקסע געוואָרנט, – ווײַל הײַנט וועט ער דיך דערשיסן!״

איך האָב אָבער מער נישט געקאָנט אַנטלויפֿן. דער דײַטשישער אָפּיציר איז שוין געשטאַנען לעבן מיר. ווי געוויינטלעך זײַנען מיר אַרויס אין די פֿעלדער אויף יאַגד. צוויי דערשאָסענע האָזן האָב איך אים שוין געהאַט געבראַכט, ווי אַ הונט, מיט די ציין. מיט אַ מאָל , ווי פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן אַ וועלדל, אָן צו קלערן, האָב איך זיך אַ לאָז געגעבן אין אַ זיגזאַג גאַלאָפּ צווישן דיביימער. זאַלפּן שאָסן זענען געפֿאַלן אַרום מיר, לעבן מיר און איבער מיר. אויך ווען קיין שאָסן האָב איך מער נישט געהערט און אַרויס פֿון דער צווייטער זײַט וועלדל האָב איך נאָך געהאַלטן אין איין לויפֿן, ביז כ׳בין אַוועקגעפֿאַלן חלשות אין מיטן פֿעלד, ניט קענענדיק דעם אָטעם כאַפּן.

זעט אויס, אַז פֿון גרויס מידקייט בין איך אײַנגעשלאָפֿן.

״ זשיד!״ – האָט מיך אַ קול אויפֿגעוועקט. איבער מיר איז געשטאַנען אַ שייגעץ מיט אַ שטעקן און לעבן אים אַ שייגעצל ניט גרעסער פֿון מיר.

״שטיי אויף, גאָטסמערדער״, – האָט ער מיר באַפֿוילן און דערבײַ האָב איך אַרײַנגעכאַפּט אַ זעץ מיטן שטעקן.

כ׳האָב זיך אָנגעהויבן בעטן פֿאַר מײַן לעבן. ס׳האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפֿן און כ׳האָב אַרײַנגעכאַפּט נאָך אַ זעץ מיטן שטעקן

און קאָפּעס מיט זײַנע בוטשאָרעס. ס׳בלוט האָט מיך פֿאַרגאָסן. דאָס קליינע שייגעצל, זעט אויס זײַנס אַ ברודער, האָט זיך בײַ אים געבעטן ער זאָל מיך ניט שלאָגן. און דאָ איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק, אַז כ׳וויל זיך אויסטוישן מיט די בגדים מיטן שייגעצל. ס׳זעט אויס, אַז דאָס האָט געהאָלפֿן. דאָס שייגעצל האָט זיך געפֿרייט מיט מײַנע לײַטישע בגדים און גוטע שיך. און איך האָב זיך געפֿרייט מיט זײַנע פּויערישע בגדים, אַפֿילו אַז ס׳איז מיר שווער געווען צו גיין באָרוועס. בלויז די אויגן מײַנע האָבן מיך פֿאַראַטן, אַז כ׳בין אַ ייִד.

״זעסט דאָרטן, ווו די זון שטייט אין מיטן הימל, – האָט דער שייגעץ אָנגעוויזן מיטן פֿינגער, – דאָרט איז קראָקע, ווו עס זײַנען נאָך פֿאַראַן ייִדן אין געטאָ. גיי גלײַך, האַק אַדורך די פֿעלדער, אַ וואַלד און אַ טײַך, און מאָרגן פֿרי וועסטו אָנקומען קיין קראָקע.״

דער וועג איז געווען אַ שווערער. כ׳האָב אויסגעמיטן מענטשן. ווען כ׳האָב זיך דאָך אָנגעטראָפֿן מיט אַ פּויער האָב איך אים באַגריסט מיט ״Czczesc boze״ – גאָט זאָל אײַך באַגליקן. Daj panie boze, ״גיב אונדז, הער גאָט״, – האָט ער מיר געענטפֿערט. ווען כ׳האָב געבעטן בײַ אַ פּויערטע אַ שטעקל ברויט האָט זי זיך געצלמט. נישט בלויז ברויט האָט זי מיר געגעבן, נאָר אויך אַ טעפּל מילך.

״גיי נישט קיין קראָקע, – האָט זי מיך געוואָרנט, – קיין ייִדן זענען דאָרט מער נישטאָ.״

איצט בין איך געווען פֿאַרלוירן און געוואַנדערט איבער דער וועלט, ווי אַן אויף טויט איבערגעשראָקן חיהלע, אָן אַ ציל.



# דער באַנדיט

״נאָר איין פּלאַץ איז פֿרײַ״, – האָט דער שאָפֿער אויסגערופֿן. כ׳בין אַרײַן אינעם אויטאָבוס און זיך אַוועקגעזעצט. לעבן מיר איז געזעסן אַן אַלטער מאַן אין שוואַרצן, אײַנגעגראָבן מיטן פּנים אין אַ משניות. דער וועג קיין ירושלים האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. דער שאָסיי איז געווען פֿאַרשטאָפּט מיט כלערליי אויטאָס, און מיר זענען מער געשטאַנען ווי געפֿאָרן.

די היץ איז געווען נישט אויסצוהאַלטן. נאָר וואָס האָט דער ראַדיאָ איבערגעריסן אַ לײַדנשאַפֿטלעך קלאָגליד פֿון דער באַרימטער מיצרישער זינגערין אום קולטום און מודיע געווען וועגן אַ באָמבע־אויפֿרײַס אויף דער צענטראַלער אויטאָבוס־סטאַנציע אין ירושלים. ״זעקס הרוגים און אַ סך פֿאַרוווּנדענע, גענוי ווייסט מען נאָך נישט וויפֿל...״

די פּאַסאַזשירן זענען געווען ווי פֿאַרשטיינערט. אַ פֿרוי, וואָס האָט געקאָרמעט אַן עופֿעלע, איז געזעסן ווי אַ געליימטע און דאָס עופֿעלע מיט אַן אָפֿן מויל האָט געגלאָצט מיט די אויגן פֿון פּחד. דער אַלטער אין שוואַרצן האָט נישט אַוועקגענומען אויף קיין רגע זײַנע אויגן פֿונעם ספֿר, אַזוי ווי דאָס אַלץ וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען. ״וויפֿל קרבנות?״ – הער איך מיט אַ מאָל זײַן הייזעריקע שטים.

״זעקס קרבנות און אַ סך פֿאַרוווּנדעטע״, – ענטפֿער איך שטיל, ווי צו זיך אַליין. זײַנע צוויי ווערטער האָבן געקלונגען אין מײַנע אויערן מיט אַ היימישן פֿאַרלוירענעם אַמאָל...

איך כאַפּ אַ זײַטיקן בליק און באַמערק, אַז ער לערנט די מסכתּא ברכות.

זעט אויס, אַז ער האָט דערפֿילט מײַן בליק, ווײַל איך הער ווידער זײַן קול: ״איר האָט ווען געלערנט די מסכתּא ברכות?״

״געלערנט, געלערנט אַ מאָל אין חדר, – ענטפֿער איך, – אייגנטלעך, בלויז אָנגעהויבן לערנען.״

״פֿאַר וואָס בלויז אָנגעהויבן?״

״ווײַל אַ מלחמה איז אַרײַן אין מיטן.״

דער אַלטער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, מיטן פּנים נאָך אַלץ אײַנגעגראָבן אינעם ספֿר.

״ווּ איז דאָס געווען?״ – האָט ער איבערגעריסן זײַן שווײַגן.

״אין מײַן שטעטל אין פּוילן.״

״אין וועלכן שטעטל?״

״אין סקאָלמיעזש.״

״סקאָלמיעזש?!! – האָט ער דאָס ערשטע מאָל אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן פֿונעם ספֿר און מיך טיף אַדורכגעדרונגען, – איך בין אַ פּאַטשענעווער, געווען פֿאַרהייראַט אין סקאָלמיעזש, און מלחמה־צײַט, ביז דער אַקציע, דאָרט געוווינט.״

״איר זענט ר׳ איסר באַראַנסקי, דער באַנ...״

״יאָ, דער באַנדיט, ווי די רשעים האָבן מיך גערופֿן.״

ביידע האָבן מיר געשוויגן, ווי דאָס לשון וואָלט פֿון אונדז אָפּגענומען געוואָרן.

ר׳ איסר איז אַ מינוט געזעסן מיט פֿאַרטראַכטע אויגן אין דער ווײַטנס אַרײַן, און באַלד זיי אַראָפּגעלאָזט צוריק צום ספֿר.

אַ גערודפֿטער, ליג איך אויסבאַהאַלטן אינעם לאָך פֿון דער קאַפּלאַרניע בײַ אונדזער גויִישן פֿרײַנד קוויאַטעק. די פּויערים, וואָס קומען אַרײַן קויפֿן קאַפּליעס, בעיקר אינעם יריד־טאָג, דערציילן זיך אָן מעשׂיות וועגן דעם געפֿערלעכן באַנדיט באַראַסקי, וואָס גראַסירט אין די נעכט איבער די דערפֿער, און וואַרפֿט אָן אַ פּחד. ער נעמט נקמה אין יעדן איינעם, וואָס באַרויבט און דערהרגעט אַן אויסבאַהאַלטענעם ייִד, אָדער גיט אים איבער צו די דײַטשן. וואָס מער די פּויערים דערציילן, אַלץ מער גיבן זיי צו פֿון זייערע פּויערישע פֿאַנטאַזיעס, אָפֿט מאָל מיט באַוווּנדערונג פֿאַר דעם זשיד.

איך ליג אײַנגעקאָרטשעט אינעם ענגן לאָך און ציטער צו אָטעמען, אַז מע זאָל מיך, חלילה, נישט הערן. די פּויערישע פֿאַנטאַזיעס צעבלאָזן זיך און צעפֿלאַקערן, אפֿשר טויזנט מאָל שטאַרקער, ווי מײַנע ייִנגלשע פֿאַנטאַזיעס, אַז אָט אָט וועט ר׳ איסר קומען מיך באַפֿרײַען. ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך, דאַרף מען נישט פֿרעגן בײַ אויף טויט איבערגעשראָקן ייִנגל, וואָס וויל אַזוי לעבן...

״ר׳ איסר, – האָב איך זיך אומגעריכט צו אים געוואָנדן, – איר קענט זיך נישט פֿאָרשטעלן וואָס איר זענט געווען פֿאַר מיר אין יענע יאָרן...״

ר׳ איסר האָט האַסטיק אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און מיט אַ פֿאַרביטערטן, שפּאָטישן בליק מיך אַדורכגעשפּיזט. באַלד האָט ער, אָן אַ וואָרט, זיי צוריק אַרײַנגעגראָבן אינעם ספֿר, נאָך טיפֿער ווי פֿריִער. איך בין געבליבן זיצן פֿאַרשעמט. אַלץ האָט אין מיר געקאָכט און זיך געמישט אין קאָפּ: די פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות פֿון די פּויערים, שפּעטער אין לאַגער, וואָס מע האָט דערציילט וועגן אים, און נאָך שפּעטער, נאָך דער באַפֿרײַונג, וואָס אַ בן־עיר מײַנער האָט וועגן ר׳ איסרן דערציילט. ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלץ געענוי געוווּסט, ווייס איך נישט ביזן הײַנטיקן טאָג.

ער האָט דערציילט:

ר׳ איסר מיט זײַן ווײַב און אַ קליין טעכטערל זענען אין דער לעצטער מינוט פֿאַר דער אַקציע אַרויס פֿון שטאָט, צו אַ באַקאַנטן פּויער, וואָס האָט צוגעזאָגט זיי אויסצובאַהאַלטן פֿאַר אַ גרויסער סומע געלט. בײַ נאַכט, ווען זיי זענען געשלאָפֿן אין דער סטאָדאָלע אויפֿן היי, איז דער פּויער מיט זײַן זון אַרײַנגעקומען מיט העק און דערהרגעט זײַן פֿרוי מיטן טעכטערל פֿון אַ יאָר זעקס. ר׳ איסר, וואָס איז געשלאָפֿן עטלעכע שפּאַן ווײַטער, האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און זיך געוואָרפֿן אויפֿן פּויער. נאָך אַ קורץ געראַנגלעניש איז אים געלונגען אַרויסצוכאַפּן די האַק פֿונעם פּויער און אים פֿאַרוואָרפֿן איבערן קאָפּ. ווען דעם פּויערס פֿופֿצן־יאָריקער זון האָט דאָס דערזען, האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן די האַק און איז אַנטלאָפֿן. ר׳ איסר האָט אים געיאָגט איבער דער פֿינצטערער סטאָדאָלע, און ערשט בײַם טויער־אַרויסגאַנג אים צעבענדיקט צום טויט. ער איז אַרײַן אין דער כאַלופּע צום פּויערס ווײַב, אויך זי פֿאַרטיק צו מאַכן. די פּויערטע האָט זיך אָנגעהויבן בעטן פֿאַר איר לעבן, זיך געצלמט און גערופֿן צו אַלע הייליקע. ר׳ איסר האָט אויף איר אויפֿגעהויבן די האַק, אָבער אַנשטאָט זי אַראָפּצולאָזן אויף איר קאָפּ, האָט ער אַ זעץ געגעבן אינעם טיש און אים צעשפּאָלטן אויף צוויי.

אין דער זעלבער נאַכט האָט ר׳ איסר קובֿר געווען זײַן ווײַב און טאָכטער. ער איז אַוועק מיט דער האַק און געווען גרייט צו דערהרגענען יעדן איינעם וואָס וועט זיך צו אים צורירן.

די ידיעה האָט זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער געגנט: אַן אָפּגעהיטענער זשיד, אַ ראַבין, איז געוואָרן אַ באַנדיט...

ער פֿלעגט אין מיטן נאַכט אַרײַנפּראַלן אין אַ כאַלופּע און געפֿאָדערט עסן. די פּויערים פֿלעגן ציטערן און אים אַלץ געבן. ר׳ איסר האָט אָבער בלויז פֿאַרלאַנגט ברויט מיט הייס וואַסער, ווײַל

קיין טריפֿה האָט ער נישט געגעסן. די דײַטשן און די פּאָליצײַ האָבן אים געזוכט. אויך די פּויערים האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין די פֿעלדער מיט העק, קאָסעס אוןווידלעס, אים צו זוכן.

אין דער זעלבער נאַכט זענען זייערע כאַלופּעס אויפֿגעגאַנגען אין פֿלאַמען.

די פּויערים האָבן אים אויפֿגעהערט צו זוכן...

מע האָט דערציילט, אַז דער זשיד פֿאַרמאָגט אין זיך טײַוולאָנישע כוחות. טייל האָבן געגלייבט, אַז עפּעס הייליקס זיצט אין אים. געוועזן אויך פּויערים, וואָס האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט. אים איבערגעגעבן נעמען פֿון די, וואָס האָבן דערהרגעט ייִדן, אָדער זיי באַרויבט און שפּעטער איבערגעגעבן צו די דײַטשן. ר׳ איסר פֿלעגט זיך אַרײַנרײַסן אין מיטן נאַכט צו אַזאַ פּויער און אים פֿאַרטיק מאַכן. ער איז שוין דעמאָלט נישט געווען אַליין. געשטאַנען בראָש פֿון אַ קליינער באַנדע, צו וועלכער ס׳זײַנען צוגעשטאַנען די ברידער גראָומאַן. טאַקע אַ דאַנק אַזאַ פּויער, וואָס האָט מיט אים מיטגעאַרבעט, האָט ער זיך געטראָפֿן מיט די דרײַ ברידער, פֿײַערדיקע בית״ריסטן, וואָס האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן אין די פֿעלדער און דערפֿער.

אַ מאָל , ווי אַ חדר־ייִנגל, פֿלעג איך לויפֿן צו די בראָניעס זיך צוצוקוקן ווי די ברידער גראָומאַן, מיט נאָך יאַטן, בית״ריסטן, מושטרירן זיך אין זייערע ברוינע מונדירן, מיט שפּיציקע שטעקנס, ווי געווער, און זינגען: ״העי! קדימה! זשאַבאָטינסקי...״

די דרײַ ברידער גראָומאַן, יאַנקל, אַבֿרמטשע און ישׂראל זענען אומגעקומען אין אַ קאַמף קעגן די דײַטשן, בשעת אַן אָבלאַווע אין וואַלד. דעמאָלט זענען זיי שוין געווען אויף יענער זײַט ווײַסל, צווישן די Armia Ludowa־פּאַרטיזאַנערס. ר׳ איסר איז שוין

דעמאָלט געווען אַ קאָמאַנדיר בײַ די פּאַרטיזאַנערס און זיך אויסגעצייכנט מיט גבֿורה און גבֿורה...

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין ירושלים אויף דער הויפּט־סטאַנציע, איז דער טומל פֿון מענטשן געווען אַ נאָרמאַלער, אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. בלויז חיילים אין גרינע בערעטן האָבן קאָנטראָלירט יעדן איינעם, וואָס איז אַרײַן אין דער סטאַנציע בײַם אויסשטײַגן פֿונעם אויטאָבוס.

ר׳ איסר האָט צו מיר אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און געזאָגט: ״יעקבֿ, איך האָב געקאָנט דײַן טאַטן ר׳ פּלטיאל, ע״ה, געווען אַ טײַערער, אָפּגעהיטענער ייִד. זײַ מצליח!״

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק, אײַנגעבויגן ווי אַ זקן, אָבער מיט פֿעסטע טריט. איך בין געשטאַנען מיט אַן אָפֿן מויל, – פֿון וואַנען ווייסט ער ווער איך בין, איך האָב דאָך אים מײַן נאָמען נישט געזאָגט?...

# דער גזר־דין

״אַכטונג! אַכטונג! אַלע העפּטלינגען זאָפאָרט צום אַפּעלפּלאַץ!״ – האָט דער הילכער גערופֿן. אין געציילטע מינוטן איז דער גאַנצער לאַגער געשטאַנען אויסגעשטעלט ווי אַ ווירע, לויט די בלאָקן, און די קאַפּאָס בראָש מיט שטעקנס אין די הענט.

אין מיטן דעם אַפּעלפּלאַץ שטייט שוין גרייט די תּליה מיט אַ גרויסן מגן־דוד אויפֿן שפּיץ. קיינער ווייסט נאָך נישט ווער ס׳האָט דאָ די ערע צו שטאַרבן מיט אַזאַ כּבֿוד, לויט דעם פּסוק פֿון אַ ׳בית־דין׳ און נישט סתּם אַזוי דערשאָסן ווערן, אָדער אַוועקגעהרגעט ווערן מיט אַ שטעקן ווי אַ הונט.

״אַכטונג! מיצען אָפּ! אַאוּגען לינקס!״ – הערט זיך אַ באַפֿעל, און פֿונעם ״טרעך־הײַזל״, ווי די העפּטלינגען רופֿן דאָס אָרט פֿון דער קאָמענדאַטור, ווו מען פּײַניקט די מענטשן, קומען די ערשטע אַרויס דער לאַגער־קאָמענדאַנט מיטן וואַכפֿירער.

הינטער זיי גייט אַ האָרדע וואַכמענער און אין מיטן דער פֿאַרמישפּטער, אַ בחורל פֿון אַ יאָר פֿופֿצן־זעכצן. פֿונעם מויל און פֿון דער נאָז רינט אים בלוט. דעם קאָפּ האַלט ער אַראָפּ, אַפֿילו ער פּרובירט אים אויפֿהייבן, גיט זיך עס אים נישט אײַן. די וואַכמענער שטעלן זיך אַרום דער תּליה מיטן געווער אויסגעשטרעקט צו די העפּטלינגען. צוויי קאַפּאָס פֿירן צו דעם פֿאַרמישפּטן צו דער תּליה און שטעלן אים אַוועק אויף אַ טישל. דער לאַגער־קאָמענדאַנט, אַ דיקער מיט אַ לאַכנדיק ליאַלקע־פּנים, טראָגט לכּבֿוד דעם מעמד אַן אויסגעפּוצטן גאַלאַ־מונדיר מיט ווײַסע זײַדענע הענטשקעס. פּאַמעלעך נעמט ער אַרויס פֿון זײַן טאַש אַ פּאַפּיר, קוקט זיך אַרום מיט אַ זיס שמייכעלע און הייבט אָן צו לייענען אויפֿן קול:

״הײַנט האָב איך אַנטדעקט אַ פֿאַרברעכערישן סאַבאָטאַזש־אַקט. דער העפֿטלינג נומער 57852 פֿונעם בלאָק 19 האָט בײַ זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אַ גומענע שלאַר־רער[2], וואָס ער האָט אַראָפּגעשניטן פֿון אַ טראַנספּאָרט־וואַגאָן, צוויי ברויטן און אַ פּעקל מאַרגאַרין, וואָס ער האָט געקויפֿט בײַ אַ פּוילישן אַרבעטער מיטן נאָמען מאַיעווסקי, וועלכער געפֿינט זיך שוין אונטערן אַרעסט. דער העפֿטלינג נומער 57852 איז באַשולדיקט אין די פֿאָלגנדיקע פֿאַרברעכנס:

1. קומען אין פּריוואַטן קאָנטאַקט מיט אַ פּאָליאַק אויף זײַן אַרבעטפּלאַץ.

2. באַזיצן בײַ זיך געלט.

3. טרײַבן שוואַרצהאַנדל.

4. סאַבאָטירן דאָס אייגנטום און די קריגס־אָנשטרענגונג פֿונעם דײַטשישן דריטן רײַך.

דערפֿאַר האָט דאָס געריכט פֿונעם דײַטשישן דריטן רײַך פֿאַראורטיילט דעם פֿאַרברעכערישן העפֿטלינג נומער 57852 פֿונעם בלאָק 19 צום טויט דורך אויפֿהענגען. מיט דעם אורטייל וואָרן איך, אַז פֿון הײַנט אָן וועט יעדער בלאָק זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעך איינער פֿאַרן צווייטן, און דער גאַנצער בלאָק העפֿטלינגען וועט ווערן שווער באַשטראָפֿן פֿאַר יעדן קלענסטן סאַבאָטאַזש!״

---

[2] גומענע שלאַר־רער - אַ גומענע שלאַנגרער, וואָס פֿאַרבינדט די וועגענער איינער מיטן צווייטן. די אסירים האָבן פֿון דער גומע געמאַכט זוילן צו די שיך, אַנשטאָט די הילצערנע זוילן, וואָס מע האָט געטראָגן.

פּאַמעלעך לייגט דער לאַגער־קאָמענדאַנט צוריק דאָס פּאַפּיר אין זײַן טאַש אַרײַן און גיט אַ צייכן דעם קאַפּאָ, אַז ער זאָל אַרויפֿלייגן די פּעטליע אויפֿן האַלדז פֿונעם פֿאַרמישפּטן.

דער פֿאַרמישפּטער שטייט די גאַנצע צײַט מיט אַ פֿאַרגליווערטן בליק, ווי נישט אים וואָלט מען דאָ געמיינט. ער איז אין גאַנצן באַגאָסן מיט בלוט, וואָס רינט אים פֿון קאָפּ, פֿונעם מויל און פֿון דער נאָז. אַרום אים איז טויט שטיל, בלויז אין דער הייך פֿליִען אַרום שוואַרצע וואָראָנעס, וואָס וואַרטן שוין אויף זייער קרבן. מיט אַ מאָל דערנענטערט זיך אַ העפֿטלינג צום לאַגער־קאָמענדאַנט, ציט זיך אויס מיט דרך־ארץ און זאָגט:

„הער לאַגער־קאָמענדאַנט, איך, העפֿטלינג נומער 57851, מעלדע געהאָרכזאַם, אַז איך בין דער פֿאָטער פֿונעם פֿאַראורטיילטן. איך בעט אײַך זייער, לאָזט מײַן זון לעבן. איך בין גרייט אומצוקומען אויף דער תּליה אַנשטאָט מײַן זון. ער איז נאָך זייער יונג און איז מער נוצלעך צו דער אַרבעט ווי איך.“

אָן דער מינדסטער רעאַקציע גיט דער לאַגער־קאָמענדאַנט אַ ווונק צום קאַפּאָ, אַז ער זאָל אַראָפּנעמען די פּעטליע פֿונעם ייִנגל און זי אַרויפֿלייגן אויפֿן פֿאָטערס האַלדז. דאָס ייִנגל, וואָס איז אין גאַנצן צעתּמט, בלײַבט שטיין בײַ דער תּליה און רירט זיך נישט פֿון אָרט.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט פֿרעגט אים: „ביסט זײַן זון?“

„יאַוואָל, הער לאַגער־קאָמענדאַנט“, – ענטפֿערט דאָס ייִנגל, אַזוי ווי ער וואָלט זיך ערשט איצט אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ טיפֿן שלאָף.

„אויך דײַן פֿאָטער, געננוי ווי דו, איז אַ סאַבאָטאַזש־פֿאַרברעכער קעגן דעם דײַטשישן דריטן רײַך, ווײַל ער האָט דיך אַזוי אויפֿגעצויגן. ביסטו אײַנשטימיק מיטן אורטייל?“

דאָס ייִנגל ענטפֿערט נישט.

"אַן ענטפֿער וויל איך הערן! יאָ אָדער ניין?" – און דערבײַ נעמט ער אַרויס דעם רעוואָלווער און לייגט אים צו צום ייִנגלס קאָפּ.

"איײַן־שטי־מיק", – ענטפֿערט דאָס ייִנגל מיט אַ צידערדיקער שטים.

"נישט אַזוי ענטפֿערט מען אַ לאַגער־קאָמענדאַנט, האַופּטשאַרפֿיורער פֿון דער עס־עס! מע זאָגט: 'יאַוואָל, הער לאַגער־קאָמענדאַנט, איך בין אײַנשטימיק מיט דעם גערעכטן אורטייל פֿונעם דײַטשישן דריטן רײַך קעגן מײַן פֿאַרברעכערישן סאַבאָטאַזש־אַקט, און דעם פֿאַרברעכערישן פֿאָטער מײַנעם, וואָס האָט מיך אַזוי נידערטרעכטיק אויפֿגעצויגן!"

דאָס ייִנגל זאָגט אים נאָך מיט אַ שטים, וואָס צאַפּלט זיך אין גאַנצן פֿון פּחד.

"דו, אײַן שוויַנע וואַס דו ביסט! הויך אויף אַ קול זאָלסטו זאָגן, אַז אַלע זאָלן הערן!"

דאָס ייִנגל זאָגט איצט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן. דער לאַגער־קאָמענדאַנט לאָזט אַרויס אַ געלעכטער און זאָגט:

"אויב אַזוי, אויב דו ביסט אײַנשטימיק אויף דעם גערעכטן אורטייל פֿונעם דײַטשישן דריטן רײַך, דאַן וועסטו מיט דײַנע אייגענע הענט אויפֿהענגען דײַן פֿאַרברעכערישן פֿאָטער, וואָס האָט דיך אַזוי אויפֿגעצויגן."

דאָס ייִנגל קוקט מיט אויפֿגעפּראַלטע אויגן גלײַך אין די אויגן פֿונעם לאַגער־קאָמענדאַנט. דער לאַגער־קאָמענדאַנט ווערט מיט אַ

מאָל ערנסט פֿונעם ייִנגלס דרייסטן קוק. ער לייגט ווידער צו דעם רעוואָלווער צו זײַן קאָפּ און גיט אַ געשריי:

„פֿאָראַוס! פֿאַרפֿלוכט נאָך אײַן מאָל!"

אַ פֿאַרשטיינערטער קוקט איצט דאָס ייִנגל אויפֿן פֿאָטער.

„גבֿריאל, מײַן זונעשי, האָב נישט קיין מורא, – זאָגט דער פֿאָטער, – סײַ ווי בין איך פֿאַרמישפּט צו שטאַרבן. דו, אָבער, ביסט נאָך אַזוי יונג, אפֿשר וועסטו איבערלעבן. טו, מײַן קינד, איך בעט דיך. בעסער צו שטאַרבן פֿון דײַנע הענט איידער פֿון די רשעימס לאַפּעס. גאָט וועט דיר מוחל זײַן."

דאָס ייִנגל, אָבער, גיט זיך נישט קיין ריר. נאָר אַ טרער רינט אים אַרויס פֿון אויג און גליטשעט זיך אַראָפּ אויף זײַן בלאַסער אויסגעדאַרטער באַק.

„ווײַטער מאַכען, אָדער איך קנאַל דיך אַוועק ווי אַ הונט", – דערנענטערט זיך דער רעוואָלווער צום ייִנגלס קאָפּ.

„גבֿריאל, אין נאָמען פֿון כּבֿוד־אָבֿ בין איך אויף דיר גוזר, – הייבט דער פֿאָטער אויף זײַן קול, גאָט וועט דיר מוחל זײַן. ער מוז דיר מוחל זײַן."

„ט־אַ־ט־ע!!!" – לאָזט גבֿריאל אַרויס אַ געוואַלד און זײַן ציטערדיקע האַנט שטרעקט זיך אויס און גיט אַ צי בײַם שטריקל.

דער גאַנצער לאַגער גיט זיך אַ וואַקל און האַלט אײַן דעם אָטעם. דאָס טישל רוקט זיך אַוועק און דעם פֿאָטערס קערפּער הייבט אָן קאָנוווּלסירן אין דער לופֿט און בלײַבט הענגען.

אַ ווילד געקראַקעריי פֿון אַ סטײַע וואָראָנעס, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ איבער דער תּליה מיט אַ חיהיש ריטשעריי פֿונעם ייִנגל, וואָס

וואַרפֿט זיך אַוועק אויף דער ערד. זײַנע געשרייען – "טאַטע! טאַטע! וואָס האָב איך געטאָן?!" – האַקן איבער די שטילקייט.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט בלײַבט אַ סעקונדע ווי געפּלעפֿט פֿון דער סצענע, וואָס ער האָט דאָ אַהערגעשטעלט. באַלד אָבער קומט ער צו זיך און שטעלט צו דעם רעוואָלווער צו גבֿריאלס קאָפּ און מיט איין קנאַל ווערט אַלץ צוריק שטיל.

מיט אַ רגע שפּעטער צעזינגט זיך דער לאַגער־קאָמענדאַנט:

Es geht alles vorueber,

Es geht alles vorbei,

Nach dem Dezember

Kommt wieder der Mai...

# מײַן מענאַשקע

מײַן מענאַשקע האָב איך געטראָגן צוגעבונדן אויפֿן בויך מיט אַ שטריק און אַ דראָט. נישט ווי בײַ די אַנדערע העפֿטלינגען, וואָס האָבן זייערע בלעכלעך געטראָגן אויף דער זײַט, איז מײַן מענאַשקע תּמיד געווען גרייט פֿון פֿאָרנט, זיך צו וואַרפֿן אויף יעדן מאכל צי נישט מאכל, וואָס מע קען אַרײַנכאַפּן אין מויל. נישט איין מאָל האָב איך דערפֿאַר טײַער באַצאָלט, אָבער מיט דער צײַט האָב איך באַקומען מער דערפֿאַרונג.

כ׳בין געוואָרן אַ מומחה, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען אַ ’’רעפּעטע’’ זופּ פֿון אַ קאַפּאָ אָדער פֿון אַ פֿאָראַרבעטער. ווען און ווי אַזוי זיך אַוועקצושטעלן אין דער ריי, אַז ווען כ׳וועל אויסשטרעקן מײַן מענאַשקע, זאָל די זופּ אינעם קעסל זײַן צום מיינסטן געדיכט. ווי אַ ווילד אויסגעהונגערט חיהלע פֿלעג איך באַפֿאַלן די פּוילישע קאַנטינע און אין אַ סעקונדע אויסליידיקן רעשטלעך זופּ פֿון די טעלער, וואָס די אַרבעטערס פֿלעגן איבערלאָזן. ווען דאָס איז מיר נישט געלונגען, פֿלעג איך אויסשנאָרן אַ ביסל זופּ. טייל מאָל אַפֿילו אַ קראָמקע ברויט. כאָטש פֿאַר אַ ייִד אַרײַנשטעלן אַהין אַ פֿוס איז געווען געפֿערלעך.

’’Śmierdzisz jak gówno!, דו שטינקסט ווי דרעק! טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנעט!’’ – האָט צו מיר איין מאָל אַן אַרבעטער אַ געשריי געטאָן און דערבײַ מיר אַרײַנגעלאָזט אַ קאָפּע אין הינטן אַרײַן, אַז כ׳האָב אַזש דערזען די שטערן פֿון הימל. פֿון גרויס ווייטיק האָב איך זיך גאָר צעזונגען מיט פּויערישע געפֿעפֿערטע לידלעך, וואָס כ׳האָב געקענט פֿון דער היים, ווען די פּויערים פֿלעגן זיך אָנשיכּורן און זיך צעהוליען אין די זונטיקן נאָך דער מעסע בײַ ר׳ וואָלף אין דער קרעטשמע. די אַרבעטערס אַרום די טישן זענען געוואָרן אַזוי

איבעררא͏ַשט פֿון די געמיינע פויערישע לידלעך, אַז זיי האָבן צום סוף אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. און פֿאַר מיר איבערגעלאָזט האַלבע טעלערס זופּ מיט ברויט.

דער קאָפּע־געבער, אַ קליינער גראָבער אַרבעטער, האָט אפֿילו נישט אָנגערירט זײַן טעלער זופּ און מיר אַרײַנגעגאָסן די זופּ אין דער מענאַשקע. אַ שיקסע, וואָס האָט געאַרבעט אין דער קיך, האָט מיר דערלאַנגט אַ שיסל געדיכטע זופּ מיט אַ מאַרכביין. ממש טעם גן־עדן. כ׳האב פֿאַרצוקט די זופּ גלײַך פֿון שיסל אין מויל אַרײַן מיט אַזאַ געשווינדקייט, אַז די שיקסע האָט אַזש צעעפֿנט די אויגן, ווי זי וואָלט דאָס ערשטע מאָל געזען ווי אַ צווייפֿיסיקער עסט זופּ.

״O Boże! No, czegoś takiego jeszcze nie widziałam!״

אָ, מײַן גאָט! עפּעס אַזוינס האָב איך נאָך נישט געזען״, – האָט זי גערעדט צו זיך.

אַז מען גיט, נעמט מען. צו מאָרגנס בין איך ווידער אַרײַן אין דער קאַנטינע.

״Mały, wynoś się stąd!״

״קליינער, טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנעט״, – האָט די זעלביקע שיקסע צו מיר אַ געשריי געטאָן.

ערשט ווען כ׳בין אַרויס אין דרויסן, האָט זי מיר געזאָגט, אַז די אַרבעטערס זענען קעגן, אַז אַ ייִד זאָל אַרײַנקומען אין דער קאַנטינע, ווײַל ס׳איז געפֿערלעך אויך פֿאַר זיי. איך האָב זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט פֿון אַזעלכע גליקן. פֿון דעמאָלט אָן פֿלעג איך שטיין אין דרויסן און אַרײַנקוקן, כאָטש אויך דאָס איז געווען געפֿערלעך. אפֿשר נאָך מער געפֿערלעך, ווײַל אַ וואַכמאַן אָדער אַ מײַנסטער האָט מיך געקענט באַמערקן און דערפֿאַר טײַער באַצאָלן. די אָנגעשפּיצטע אויגן מײַנע האָבן געוואַנדערט איבער די טישן און

ווי נאָר די אַרבעטערס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון מיטאָג־איבעררײַס, פֿלעג איך אַרײַנלויפֿן אין דער קאַנטינע און אויף גיך אַריבערגיסן די רעשטלעך פֿון די טעלערס אין דער מענאַשקע אַרײַן. דאָך האָב איך איין מאָל אַרײַנגעכאַפּט אַ זעץ איבערן קאָפּ, אַז כ׳בין שיער נישט אַוועקגעפֿאַלן. דאָס ביסל אויסגעשנאָרטע זופּ האָט זיך פֿון דער מענאַשקע אויסגעגאָסן אויף דר׳ערד. געכאַפּט דעם זעץ האָב איך גאָר פֿון אַ ייִדישן פֿאָראַרבעטער.

״פּענטאַק, – האָט ער מיך געוואָרנט, – אויב איך וועל דיך דאָ נאָך איין מאָל זען, שיק איך דיך גלײַך צו דער הימל־קאָמאַנדע!״

אַזוי זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן מײַנע לאַגער־גליקן. די מענאַשקע מײַנע האָט מיר נאָך אָבער לאַנג געדינט בײַ פֿאַרשידענע צופֿעליקע און ניט־צופֿעליקע אָקאַזיעס. כאָטש תּמיד איז עס געווען פֿאַרבונדן מיט סכּנות, סײַ דרויסנדיקע, כ׳מיין פֿון די דײַטשן, און סײַ אינערלעכע, פֿון אונדזערע בני־ישׂראל.

אָבער איך בין דעמאָלט אויך נישט געווען קיין גרויסער צדיק, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן לייגן אין מויל אַרײַן. קיין מאָל אָבער איז מײַן מענאַשקע מער נישט געוואָרן אָנגעפֿילט אַזוי ווי אין דער פּוילישער קאַנטינע.

באַקומען האָב איך די מענאַשקע פֿון סטאַשעקן, בײַ וועמען איך האָב געאַרבעט ווי אַ הייצער און ברעמזער בײַ דער ״אָסטבאַן״ אין קראָקע. אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָט דער שייגעץ צו מיר געזאָגט:

״יאַנעק, אָט האָסטו מײַן מענאַשקע. מאָרגן קום איך מער נישט צו דער אַרבעט. איך פֿאַרשווינד...״

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דער ניט־אויסשטודירטער סטודענט, וואָס האָט געמוזט אַרבעטן פֿאַר די דײַטשן, כּדי מע זאָל אים נישט אַוועקשיקן קיין דײַטשלאַנד אויף אַרבעט, פֿאַרשווינדט אינעם פּוילישן אונטערגרונט און גייט אפֿשר אין וואַלד קעמפֿן קעגן דעם אָקופּאַנט. ''Cześć, skalbmierzak'', – האָט ער צו מיר אויסגעשטרעקט זײַן האַנט, – איך וועל נאָך דיר בענקען.

סטאַשעק, אַן עכטער ''קראַקאָוויאַק'', איז געווען אַ ווילער יאַט, ווי עס זינגט זיך אינעם לידל... כאָטש ער איז געווען אַן ענדעק, איז ער געווען פֿרײַנדלעך צו ייִדן. און אפֿשר האָט ער אַ מאָל יאָ פֿײַנט געהאַט ייִדן?... אָבער אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע האָט ער אויסגעדרייט דעם דישעל, און די גאַנצע שׂינאה אַרײַנגעלייגט קעגן דעם אָקופּאַנט. שפּעטער האָב איך געהערט, אַז אָט דער פֿרײַנדלעכער סטאַשעק, דער ענדעק, האָט פֿאַר דער מלחמה אויף דער עלעגאַנטער קאַרמיעליצקאַ־גאַס אין קראָקע אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש אַ פּוילישן אָפֿיציר, אַ ייִד. דערפֿאַר איז ער אָפּגעזעסן אין חד־גדיא גאַנצע זעקס חדשים. ניט, חלילה, ווײַל ער האָט געפּאַטשט אַ ייִד, נאָר ווײַל ער האָט געפּאַטשט אַ פּוילישן אָפֿיציר.

דער אָפֿיציר האָט אַרויסגעצויגן זײַן שווערד און האָט אויסגערופֿן: ''פֿאַרן האָנאָר פֿונעם פֿאָטערלאַנד און מונדיר'', – און געוואָלט אים דערשטעכן. אָבער דער יונגער סטאַשעק, נאָך אַ גימנאַזיסט, האָט געהויבן פֿיס. די פֿאַרבײַגייערס אויף דער גאַס האָבן אים געכאַפּט און איבערגעגעבן צו דער פּאָליציי.

איידער איך האָב באַקומען די מענאַשקע פֿון סטאַשעקן, האָב איך געטראָגן אויפֿן בויך אַ פֿאַרראָסטן טאָפּ. אַ מאָל האָט דער טאָפּ געהערט צו דעם בלוי־געשיר. די טײַערסטע טעפּ פֿון מײַן טאַטעס געשעפֿט, וואָס ער פֿלעגט אײַנקויפֿן אין דער באַרימטער

עמאַל־פֿאַבריק אין קראָקע. אויך די מענאַשקע איז נישט געווען קיין געווײנטלעכע סאָלדאַטסקע מענאַשקע. אַ מיוחסדיקע מענאַשקע איז דאָס געווען. אַ טיפֿערע און ברייטערע, אַז נישט בלויז מײַן גראָבער פֿינגער האָט געקענט דאָרט דערגרייכן ביז צום דנאָ, נאָר אויך מײַן צונג, כּדי זי אויסצולעקן ביז זי פֿלעגט בלישטשען זויבער ריין. דער קאָליר פֿון דער מענאַשקע איז געווען פֿון זילבער. און אפֿשר איז זי געווען פֿון עכטן זילבער? צו שיין און געפֿערלעך. דערפֿאַר האָב איך די מענאַשקע אין גאַנצן צעקראַצט מיט אַ טשוואָק, כּדי זי זאָל אויסזען מער לײַטיש פֿאַר אַ "לאַגראָוויעץ." אויך דעם ייחוסדיקן נאָמען, צו וועמען זי האָט אַ מאָל געהערט, האָב איך נישט בלויז צעקראַצט, נאָר אויך אויסגעמעקט, אַז קיין זכר זאָל נישט בלײַבן. אויף דער זײַט פֿון דער מענאַשקע איז געווען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע גאָטישע בוכשטאַבן:

Friedrich von Radt

Oberleutenant

Geboren am 5 januar 1894

Wien

איך פֿלעג שטענדיק טראַכטן וועגן פֿרידריכן, אַפֿילו ווען כ'האָב נישט געוואָלט טראַכטן. אין לאַגער האָט קיינער נישט געטראַכט וועגן יענעם. בלויז וועגן זיך. ווי אַזוי איבערצולעבן דעם טאָג, די שעה, די מינוט. דאָך האָב איך וועגן פֿרידריכן געטראַכט און געחלומט. צי איז ער געפֿאַלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה? און

אפשר האָט ער געקעמפּט צוזאַמען מיט מײַן פֿעטער הערש־צבֿי פֿאַר קיר״ה און דעם גוטן קײַזער פֿראַנץ־יוזעף? און אפשר לעבט ער און קעמפּט איצט אויפֿן פֿראָנט פֿאַרן פֿירער? ווי אַזוי איז די מענאַשקע אַרײַנגעפֿאַלן צו סטאַשעקן? ווער נאָך האָט זיך מיט דער מענאַשקע באַנוצט פֿאַר סטאַשעקן, ביז איך האָב זי באַקומען?... צוויי מאָל האָט מען די מענאַשקע מיר אַרויסגעריסן פֿון דער האַנט מיט פּאָרציעס זופּ. איינער האָט דערפֿאַר כמעט באַצאָלט מיטן לעבן, ווען אַ קאַפּאָ האָט דאָס באַמערקט. דער צווייטער איז אויסגעגאַנגען פֿון הונגער, און איך האָב די מענאַשקע אָפּגעיורשנט. אָבער דאָס זענען מעשׂיות פֿאַר זיך. אין פֿיר פֿאַרשידענע לאַגערן האָט די מענאַשקע מיר געדינט. ערשט ווען כ׳בין אָנגעקומען קיין בוכענוואַלד האָב איך זיך געמוזט מיט איר צעשיידן. אָבער דעמאָלט בין איך געווען זיכער, אַז כ׳שייד זיך אויך מיטן לעבן.

דער רויך פֿון דער קרעמאַטאָריע האָט זיך געדיכט געשלענגלט, און איך בין געווען זיכער, אַז באַלד וועל איך זיך פֿון דאָרט אַרויסשלענגלען צום הימל. אַ נאַקעטער, אַ ציטערדיקער, מיט קלאַפּנדיקע ציין בין איך געשטאַנען אויפֿן שניי מיטן גאַנצן טראַנספּאָרט העפֿטלינגען, וואָס האָבן זיך געטרייסלט פֿון פּחד און קעלט, פֿאַר אַ בנין מיט אַן אויפֿשריפֿט – ENTLAUSUNG.

דער קאַפּאָ, וואָס האָט אונדז געיאָגט, האָט געהאַלטן אין איין זאָגן:

״דאָ, אין בוכענוואַלד, ברענט מען נישט קיין לעבעדיקע, נאָר טויטע סקעלעטן, און די סחורה פֿעלט דאָ נישט אויס.״

דערהערנדיק אַזעלכע ווערטער פֿון אַ קאַפּאָ האָט דער גאַנצער טראַנספּאָרט אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער זיך צו טרייסלען און קלאַפּן מיט די ציין פֿון פּחד. ממש אַן אָרקעסטער פֿון

ציין־קלאַפּעניש, ווײַל אַז אַ קאַפּאָ טרייסט ״העפּטלינגען״ דאַרף מען פֿאַרשטיין פּונקט פֿאַרקערט. אין אַ שעה אַרום בין איך אַרויס נישט דורכן קוימען, נאָר דורך דער טיר, אַ פֿריש געבאַקענער קאַצעטניק. אויפֿן בויך האָב איך איצט געטראָגן סתּם אַ פֿאַרראָסט בלעכל. אַ כּפּרה די מענאַשקע, האָב איך זיך געטראַכט, דער עיקר אַז איך לעב נאָך. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען צו מאָרגנס, אויפֿן אַפּעל, האָב איך באַמערקט, ווי אַ קאַצעטניק טראָגט מײַן מענאַשקע! נישט קלערנדיק בין איך צו אים צוגעגאַנגען און חוצפּהדיק באַפֿוילן, – ״די מענאַשקע געהערט צו מיר! אָט האָסטו מײַן בלעכל און אַהער מיט דער מענאַשקע.״ דער קאַצעטניק האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר איבערגעשראָקענע קאַצעטישע אויגן און אָן אַ וואָרט האָבן מיר זיך געביטן מיט די כּלים. כאָטש ער איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי איך, האָט ער פֿאַר מיר געציטערט און מײַן געוויסן האָט מיך אָנגעהויבן פּײַניקן. ״דו זעסט, – האָב איך צו אים געזאָגט שוין אין גאַנצן אַ פֿאַרלוירענער, – דאָס בלעכל איז אַפֿילו גרעסער פֿון דער מענאַשקע, ס׳קען דאָ אַרײַן אַ סך זופּ.״

זעט אויס, אַז דער קאַצעטניק איז געווען זיכער, אַז איך בין אַ פּראָמינענטער, אַ ״פּיפּעל״[3] פֿון אַ קאַפּאָ. ערשט אויפֿן טויטנמאַרש האָט מיר אַ מענטשן־פֿרעסער אַרויסגעריסן די מענאַשקע בשעת כ׳האָב געטרונקען אַ ביסל שוואַרץ פֿאַרמורזשעוועט וואַסער, וואָס מע האָט גערופֿן קאַווע.

זאָל אים ווויל באַקומען...

---

[3] פּיפּעל - אַ געליבטער פֿון אַ קאַפּאָ



# דעם טאַטנס אורחים

דעם טאַטנס אורחים פֿלעג איך ליב האָבן. וואָס מער דער אורח איז געווען אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, אַלץ מער האָב איך אים ליב געהאַט. יעדן פֿרײַטיק צו נאַכטס פֿלעגט דער טאַטע אַרײַננעמען פֿון בית־מדרש אַן אורח אויף שבת. אין דער וואָכן האָט מען אַזאַ אורח, וואָס איז אַרומגעגאַנגען איבער די הײַזער, גערופֿן "אַ בעטלער". מײַן מאַמע פֿלעגט תּמיד צוגעבן צום וואָרט אָרעמאַן אָדער בעטלער, דאָס וואָרט "נעבעך." אַ שנאָרער האָט זי קיין מאָל נישט אַרויפֿגעבראַכט אויף אירע ליפּן.

דאָס איז געווען אַ באַליידיקונגס־וואָרט. שבת צי יום־טובֿ איז אַזאַ בעטלער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אורח. אַ כּבֿוד וואָס אויך ראָטשילדן וואָלט מען קיין בעסערן נישט אָפּגעגעבן. דער טאַטע איז תּמיד אַרײַס פֿון בית־מדרש מיט די לעצטע מתפּללים. דערפֿאַר איז פֿאַר אים געבליבן דער מיינסטן אָפּגעריסענער אורח. אָפֿט מאָל אַ קאַליקע. איך האָב חושד געווען דעם טאַטן, אַז ער טוט עס בכוונה, כּדי אַנדערע בעלי־בתּים זאָלן זיך קענען אויסקלײַבן אַן אורח לויט זייער געשמאַק, אָדער בכלל נישט נעמען אַהיים קיין אורח. צווייטנס, אַ ייִד דאַרף זיך קיין מאָל נישט אײַלן אַהיים גיין פֿון דאַווענען. אין בית־מדרש אַרײַן פֿלעגט מען זיך אײַלן און לויפֿן, אָבער נישט פֿון בית־מדרש. דעמאָלט פֿלעגט מען אַהיים גיין בנחת, פּאַמעלעך און שמועסן דבֿרי־תּורה. אין דער היים איז שוין דער שבתדיקער טיש געווען גרייט צום קידוש. דער טאַטע איז געזעסן אויבן אָן, אין אַ ברייטן פּלושענעם שטול, וואָס קיינער האָט דאָרט נישט געטאָרט זיצן, צוליב דרך־ארץ פֿאַרן טאַטן, אַחוץ די טעג ווען דער טאַטע איז געפֿאָרן צום רבין.

דעמאָלט האָט מען מיך, דעם בן־יחיד, אַרויפֿגעזעצט אויפֿן טאַטנס שטול און איך האָב געמאַכט קידוש. מע האָט מיך קוים אַרויסגעזען, אָבער דאָך אַ מאַנספּאַרשוין. און איך בין דעמאָלט קוים אַלט געווען פֿינף צי זעקס יאָר.

בײַם טיש בין איך תּמיד געזעסן פֿון דער רעכטער זײַט פֿון טאַטן. אויב דער אורח איז געווען אַ פֿאַרהייראַטער מאַן האָט די מאַמע פֿאַר אים געדעקט לחם־מישנה, צוויי קלענערע חלות, באַדעקט מיט אַ שבתדיקן סערוועט, גענוי ווי פֿאַרן טאַטן. ווען די שוועסטער פֿלעגן זיך באַקלאָגן, אַז דער אורח שטינקט, האָט דער טאַטע זיי געמוסרט, אַז אַן אורח שטינקט נישט, העכסטנס שפּירט זיך אַ ביסל פֿון אים. איך בין געווען אויפֿגערעגט אויף מײַנע שוועסטער, די "פּאַניענקעלעך" מיט די רויט פֿאַרשמירטע ליפּעלעך און נעגלעך, וואָס דרייען מיט דער נאָז, און זעען נישט דאָס וואָס איך זע, אַז דער אורח, קיין זײַן, משיח. איך פֿלעג מיט שפּאַנונג קוקן אויפֿן אורח, ווײַל אין יעדער רגע קאָן ער זיך נתגלה זײַן, אַרויפֿשפּרינגען אויפֿן טיש און אויסרופֿן: "איך בין משיח בן־דוד!" זײַן קול וואָלט זיך געהערט פֿון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן. דעמאָלט וואָלטן זיך די הימלען צעעפֿנט מיט פֿײַער און אַ שפּינוועב־בריק וואָלט אַראָפּגענידערט, אויף וועלכער מיר, ייִדן, וואָלטן צוריקגעגאַנגען קיין ארץ־ישׂראל. אַלע וואָלטן זיך געגרייט אין וועג אַרײַן. קיין סך צײַט וואָלט נישט געווען. "ייִדן, – וואָלט זיך דערהערט אַ בת־קול פֿון הימל, – איר דאַרפֿט מיט זיך גאָרנישט מיטנעמען, אַחוץ די הייליקע ספֿרים. די בתּי־מדרשים מיט די ספֿרי־תּורה וועלן מיט אײַך מיטגיין. אַלץ איז פֿאַר אײַך גרייט אינעם הייליקן לאַנד." נאָך דרײַ טעג אַרום וואָלט געקומען צו תּחית־המתים. די טויטע וואָלטן זיך געקײַקלט אונטער דר׳ערד צוריק אַהיים, קיין ארץ־ישׂראל. די ייִדן מיט די גוטע גויִים, די אַזוי גערופֿענע "חסדי־אומות־העולם" וואָלטן געגאַנגען אויף אַ ריזיקער

שפּינוועב־בריק, וואָס וואָלט געווען שטאַרקער פֿון אײַזן. די רשעים וואָלטן זיך טאַקע אויף דער גיך אויפֿגעבויט אַן אײַזערנע, שטאָלענע בריק, אָבער ס׳וואָלט גאָרנישט געהאָלפֿן, ווײַל די בריק וואָלט זיך צעפֿאַלן ווי אַ פֿודעלע זאַפּלקעס, און די רשעים וואָלטן אַרײַנגעפֿאַלן אין ים אַרײַן ווי פּרעה פֿון מצרים.

איך וואָלט מיט זיך מיטגענומען דעם באַלעבאָס׳ הונט, רעקס, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי ליב, און מײַן באָבעס קאַץ, וואָס טוליעט זיך צו מיר און לעקט מיר די פֿינגער. ווײַטער, באָלעקן, מײַן גוייִשן חבֿר, וואָס באַשולדיקט מיך אין דערהרגענען זייער גאָט, בשעת מיר שפּילן זיך, וואָלט איך אויך מיטגענומען. דאָך אַ חבֿר! פֿאַרשטייט זיך, מיט זײַן גאַנצער משפּחה, די אַניעלסקיס, אונדזערע שכנים. אונדזער ״גאָספּאָדאַזש״, פּאַן וווּיטשיק מיט זײַן פֿאַמיליע וואָלט איך אויך מיטגענומען. און ווער שמועסט נאָך, אַז מײַן לערערין אין קלאַס, די שיינע פּאַני יאַנושעווסקאַ, וואָס איך בין אין איר פֿאַרליבט, און רופֿט אונדז, ייִדישע קינדער ״פּאָליאַקן פֿון משהס גלויבן״, וואָלט איך אַוודאי מיטגענומען, אַז זיי אַלע זאָלן גיין אויף דער שפּינוועב־בריק. ווען נאָך וואָלט איך מיטגענומען? יאָ, דעם דאָקטער דודקעוויטשן, ווו די מאַמע נעמט מיך צו אים ווען כ׳בין פֿאַרקילט אויף אַ ״קאָקלוש״, און ער איז מיך תּמיד מכבד מיט שאָקאָלאַד און צוקערלעך. דעם דענטיסט, אַ ייִד, אַ רשע־מרושע, וואָס כ׳וויל אַפֿילו נישט דערמאָנען זײַן נאָמען, וואָס רײַסט מיר די ציין אָן רחמנות, אַז כ׳שפּרינג פֿון ווייטיק, און צו דעם אַלעם פֿאַרבאָט ער מיר צו עסן שאָקאָלאַד מיט צוקערלעך, וואָס איך האָב אַזוי ליב, וואָלט איך באַשטימט נישט אַרויפֿגעלאָזט אויף דער שפּינוועב־בריק, און זאָל ער גיין מיט אַלע רשעים אויף דער אײַזערנער בריק און זיך דערטרינקען אינעם קאַלטן וואַסער. אוי, איך זאָל נישט פֿאַרגעסן מיטצונעמען דעם אַפּטייקער סאַוויצקי, וואָס זאָגט, אַז די ייִדן זענען זײַנע בעסטע קליענטן, ווײַל די ייִדן

שלינגען רפֿואות און די גויִים טרינקען. אויך די שיינע אַניעלאַ, דעם רעיענטס טאָכטער, וואָס איך פֿלעג זיך, אויפֿן וועג אין חדר אַרײַן אָפּשטעלן בײַ זייער פֿענצטער און זיך צוהערן צו איר שפּילן אויף אַ פֿאָרטעפּיאַן, וואָלט איך באַשטימט מיטגענומען. ווען איין מאָל האָט זי דאָס באַמערקט האָט זי מיך פֿאַרבעטן אין זייער סאַלאָן אַרײַן, ווו זי האָט געשפּילט אויף אַ ריזן־פֿאָרטעפּיאַן, אַז ס׳האָט פֿאַרכאַפּט דאָס האַרץ. אַניעלאַ האָט מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז זי שפּילט פּרעלודן פֿון שאָפּען, און איך האָב פֿאַרגעסן צו גיין אין חדר אַרײַן. דעם רבין פֿון חדר, וואָס הייבט דעם קאַנטשיק, וואָלט איך דאָ, אינעם ביטערן גלות, ווי מײַן באָבע זאָגט, איבערגעלאָזט. דאָס וואָס ס׳קומט אים. נאָך פֿאַרשידענע מענשטן וואָלט איך מיטגענומען. צום סוף וואָלט איך דאָס גאַנצע שטעטל סקאָלמיעזש מיטגענומען. די ייִדן מיט די גויִים, די הינט מיט די קעץ, די בהמות, עופֿות און אַפֿילו די הײַזער מיט די גאַסן, די ״מאַטקע באָסקע״, און דעם פֿײַערגלאָק מיט דעם ברונעם, וואָס שטייט אין מיטן מאַרק. אויך דעם קאָשטשאָל מיטן טורעמגלאָק, וואָס איך קלינג מיט מײַן גויִישן חבֿר באָלעק אויף אַנדזעלוס, אויף אַ לוויה צי חתונה, וואָלט איך מיטגענומען. איך וואָלט גאָרנישט איבערגעלאָזט, אַחוץ די חזירים.

״זונעשי, – הער איך ווי די מאַמע זאָגט, – פֿאַר וואָס גאַפּעסטו זיך און עסט נישט?״ איך כאַפּ זיך אויף פֿון מײַנע ייִנגלשע חלומות און זע ווי דער אורח האַקט אַ סעודה אויף ביידע באַקן, און די מאַמע רוקט אים כּסדר אונטער נאָך און נאָך חלה, ער זאָל, חלילה, נישט פֿאַרהונגערן. ער גריזשעט דעם עוף און דעם פֿעטן ביין, און שלינגט די חלה מיט אַזאַ אַפּעטיט, אַז איך, דער קנאַפּער עסער מיטן פֿאַרגרינטן פּנים, ווי די מאַמע זאָגט אויף מיר, באַקום מיט אַ מאָל אַן אַפּעטיט. בײַם סוף, נאָכן בענטשן, דערלאַנגט אים די מאַמע די רעשט חלה מיט אַ לחמא־פּוטערקוכן, און זאָגט צו אים, –

״ר׳ אורח, דאָס איז פֿאַר מאָרגן פֿרי, און פֿאַרגעסט נישט צוריק צו קומען נאָכן צווייטן מנין ווו די חסידים דאַווענען.״

און אַזוי פֿלעג איך יעדן שבת זען אינעם אורח משיחן. די אורחים פֿלעגן זײַן פֿאַרשידענע. טייל אָנגעטאָן אין לײַטישע שמאַטעס, און טייל אין צעפֿליקטע שמאַטעס. טייל שעמעוודיקע, וואָס זענען געזעסן בײַם טיש מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און טייל מער דראַסטישע, וואָס האָבן דערציילט כּישוף־מעשׂיות וועגן זייער וואַנדערן איבער פּוילנלאַנד.

געווען אורחים וואָס האָבן שיין געזונגען זמירות. און אַזעלכע וואָס האָבן געקענט לערנען, און דער טאַטע האָט מיט זיי גערעדט דבֿרי־תּורה. זיי האָבן שטאַרק געליבט אונדזער שטעטל סקאָלמיעזש מיט די תּלמידי־חכמים, און מיט זייער ברייטער האַנט פֿאַר אַן אָרעמאַן. קיין וווּנדער נישט. סײַ די סקאָלמיעזשער ייִדן און סײַ די גויִים האָבן פֿון זיך שטאַרק געהאַלטן, אַפֿילו אַז דאָס שטעטל איז געווען גרויס ווי אַ גענעץ.

די ייִדן פֿלעגן זאָגן, אַז דאָס וואָס אַ סקאָלמיעזשער לערנער פֿאַרמאָגט אויפֿן קליינעם פֿינגער, פֿאַרמאָגט נישט גאַנץ זאַלעשיץ מיט ווײַליץ, און אַפֿילו נישט פּוטשעוו מיט מאַכעוו צוזאַמען. דער רבֿ פֿון שטאָט ר' יענקעלע איז געפֿאָרן איבער דער גמרא גיכער ווי מען זאָגט אַ קאַפּיטל תּהילים. ווען אַ סקאָלמיעזשער לערנער האָט זיך פֿאַר טאָג אין בית־מדרש געשפּאַרט מיט אַ צווייטן לערנער איבער אַ פּלוגתּא אין דער גמרא האָבן זיך די קולות געטראָגן עד־לבֿ־השמים און דאָס גאַנצע שטעטל איז אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. די יריד־ייִדן מיט די פּורמאַנעס, וואָס זענען געקומען צום ערשטן מנין דאַווענען, האָבן געמוזט געדולדיק וואַרטן ביז די צוויי לערנערס האָבן זיך אויסגעפּילפּולט. און גלײַך ווי מ׳האָט אָנגעזאָגט ״עלינו״ איז דער פּילפּול מיטן שפּאַרעניש ווײַטער אָנגעגאַנגען. נאָך צוויי

לערנערס האָבן זיך אַרײַנגעמישט אינעם וויכּוח און איינער האָט מער נישט געהערט דעם צווייטן.

מײַן זיידע ר׳ מאיר האָט זיך מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן, האָט זיך מיט אַ מאָל צעברומט ווי אַ לייב, און אויף זיי אַרויף מיט געוואַלדן:

״חמורים־קעפּ! שוסטערקעפּ וואָס איר זײַט! צי זעט איר נישט ווי ש״י קוועטשט און דער רמב״ן שטופּט מיט זייער פּשט?!״ די לערנערס האָבן זיך אַזוי צעהיצט מיטן אַמפּערניש, אַז ווען אַ נוכרי וואָלט אַרײַנגעקומען אינעם בית־מדרש וואָלט ער געמיינט, אַז באַלד וועט מען דאָ גיין אויף מעסערס און בלוט וועט זיך גיסן. אָבער נישט געזאָרגט, אַלץ איז געווען לשם־שמיים. טאַקע צוליב דעם גרויסהאַלטן זיך און אײַנרעדעניש פֿון סקאָלמיעזשער ייִדן, האָבן זיי אויך געקענט פֿון זיך אָפּלאַכן. זעט אויס, אַז נאָר דער וואָס האַלט פֿון זיך שטאַרק, און איז בײַ זיך זיכער, איז אויך מסוגל פֿון זיך צו לאַכן און צו שפּעטן אָן מורא.

נישט ווייניקער האָבן אויך אונדזערע גוייִשע שכנים פֿון זיך שטאַרק געהאַלטן צוליב זייער היסטאָרישער גאָטישער קירכע, געבויט אינעם עלפֿטן יאָרהונדערט, וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו די קראָקעווער ביסקופּן און שליאַכטע. אויך האָבן זיי זיך געגרייסט מיט די שיינע מיידלעך אין שטאָט, וואָס האָבן געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער סבֿיבֿה. געווען אַפֿילו לידלעך וועגן די שיינע ״סקאַלבמיערסקע פּאַניענקי״, וואָס אויך מײַנע צוויי שוועסטער האָבן צו זיי געהערט. ווען זיי זענען נאָך געגאַנגען אין דער שול האָבן שדכנים געקלאַפּט אין טאַטנס טיר.

מיט אַ מאָל איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל אַ נישט געוויינטלעכער אורח אין שטאָט. פֿאַר מיר איז דער אורח געווען משיח, ווײַל נאָר משיח קאָן אַראָפּפֿאַלן פֿון הימל. געווען איז ער אַ ישיבֿה־בחור מיט

לאַנגע געדרייטע פּאות, און אַ פּנימל פֿון אַ מלאך. ער איז קוים אַלט געווען זיבעצן אָדער אַכצן יאָר, און אפֿשר אויך דאָס נישט. פֿון וואַנען ער שטאַמט האָט קיינער נישט געוווּסט. אַז מ׳האָט אים געפֿרעגט האָט ער נישט געענטפֿערט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. מע האָט בלויז געוווּסט, אַז ער הייסט חיימל און גענעכטיקט בײַם רבֿ. צו מאָרגנס פֿרי נאָכן דאַווענען האָט דער רבֿ פֿאַרבעטן צו זיך אינעם בית־דין־שטיבל עטלעכע פֿאַרמעגלעכע בעלי־בתּים פֿון שטאָט. ער האָט זיי דערציילט, אַז חיימל שטאַמט פֿון אַ פֿאַרמעגלעכער פֿאַמיליע אין וואַרשע, און האָט מיטגעמאַכט אַ גרויס אומגליק. וואָס פֿאַר אַן אומגליק וויל חיימל נישט דערציילן. דער בחור איז אָבער אַן עילוי אין לערנען, און מען מוז פֿאַר אים אײַנאָרדענען, אַז יעדן טאָג זאָל ער עסן קעסט בײַ אַן אַנדערן בעל־הבית.

מײַן טאַטע האָט זיך דער ערשטער אָנגערופֿן, אַז ער וויל דעם בחור האָבן אויף די שבתים. און אַזוי האָט חיימל געגעסן קעסט יעדן טאָג בײַ אַן אנדערן בעל־הבית. דאָס שטעטל איז געגאַנגען אויף רעדער. יעדער איינער האָט געוואָלט וויסן וואָס פֿאַר אַן אומגליק דער בחור האָט מיטגעמאַכט. און אַז אַ סקאָלמיעזשער וויל עפּעס וויסן, מוז ער וויסן. און אויב ער ווייסט נישט, געפֿינט ער שוין אויס עפּעס, ווײַל אַ סקאָלמיעזשער, ווי קליין דאָס שטעטל זאָל נישט זײַן, האָט גרויסע פֿאַנטאַזיעס. באַלד האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז חיימל איז אַ ממזר פֿון גילוי עריות, לא־עלינו. און ווען חיימל האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ ממזר איז ער אַנטלאָפֿן פֿון דער היים, און צופֿעליק צי נישט צופֿעליק אַרײַנגעפֿאַלן קיין פּיטשעפּוי סקאָלמיעזש.

״היתּכן? – האָבן די נאַיִווע געפֿרעגט, – פֿון וואַנען ווייסט מען וועגן דעם?״

״מען ווייסט! – האָבן די קלוגע געענטפֿערט, – ווײַל שיין איז ער ווי אַ ממזר, אויגן האָט ער ווי אַ ממזר, אַפֿילו אַז ער האַלט זיי תּמיד אַראָפּגעלאָזט, פֿאַרשעמט, אויף דר׳ערד. און אַ קאָפּ האָט ער ווי אַ ממזר, והראיה, אַז טאָג און נאַכט לערנט ער אין בית־מדרש און שלאָפֿט כּמעט נישט, אַחוץ אַ דרימל וואָס ער כאַפּט בײַ דער אָפֿענער גמרא. ער פֿאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, און לאָזט זיך שלאָגן מלקות, וואָס פּאַסט בכלל נישט פֿאַר אַ חסיד. און אין גאַנצן איז ער נאָך אַ ייִנגל. נו, איז דאָס נישט קיין באַווײַז, אַז ער איז אַ ממזר און טוט תּשובֿה? און נאָך עפּעס. ווען די לערנערס אין בית־מדרש שפּאַרן זיך בײַ דער גמרא האָט ער תּמיד אַ קלאָרן ממזרישן ענטפֿער, אַז אַלע ווערן פֿאַרשטומט.״

יאָ ממזר, נישט ממזר, פֿאַר מיר, אַ זעקס־יאָריק חדר־ייִנג, איז חיימל געווען משיח. און אויב נישט בן־דוד, איז ער באַאײַנשטימיקט משיח בן־יוסף, אַפֿילו ער בינדט זיך נישט די אָפֿענע ווונדזן פֿון גלות, ווי משיח, איידער ער וועט זיך נתגלה זײַן. להיפּוך, ער איז געווען אָנגעטאָן זויבער און ציכטיק, ווי אַ גבֿיריש זונדל, אין אַ געהאַקט יוביצל, וואָס איז אויף אים געלעגן געפּאַסט ווי אַ ווירע, און געטראָגן ווײַסע הויכע זאָקן פֿון אַ גערער חסיד.

דער רבֿ פֿון שטאָט האָט געפּסקנט פֿאַר אַ מנין חשובֿע בעלי־בתּים, אַז אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין באַווײַז פֿון צוויי עדות, אַז חיימל איז אַ ממזר, איז דער בחור הלמדן ״אַ כּשרער ייִד.״ צו מאָרגנס איז געהאָנגען אויף דער טיר פֿון בית־מדרש אַ קול־קורא פֿונעם רבֿ ר׳ יענקעלע שליט״א צו דער הייליקער עדה סקאָלמיעזש, ״אַז מען זאָל אויפֿהערן צו רעדן לשון־הרע, וואָס ברענגט צו שׂינאת־חינם, ר״ל, ווײַל צוליב שׂינאת־חינם איז חרובֿ געוואָרן דאָס בית־המיקדש.״ און זע אַ פּלא. מיט אַ מאָל איז חיימל פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון אַ ממזר אין אַ מלאך. דאָס פּנימל זײַנס,

האָבן ייִדן געזאָגט, איז ווי בײַ אַ מלאך. די אויגן ליכטיק, ווי בײַ אַ מלאך, און זײַן קאַרנאָסע, פֿאַרריסן נעזל, ממש ווי בײַ אַ מלאך. געווען בעלי־בתּים, וואָס האָבן געטראַכט אַז חיימל דער עילוי קאָן זײַן אַ גוטער שידוך פֿאַר זייערס אַ טאָכטער. אין די שבתים בײַם טאַטנס טיש זענען אַלע געווען צופֿרידן, בעיקר מײַנע צוויי שוועסטער, ווײַל פֿון חיימלען האָט זיך נישט געפֿילט קיין שלעכטער ריח ווי בײַ אַנדערע אורחים. להיפּוך, דער בחור האָט אַוועקגעשמעקט. די מאַמע האָט סערווירט די שבתדיקע מאכלים און די שוועסטער פֿלעגן איר אַרויסהעלפֿן. ווען איינע פֿון די שוועסטער האָט אים דערלאַנגט דאָס עסן, פֿלעגט זיך חיימל פֿאַררויטלען און אײַנגראָבן דעם קאָפּ נאָך טיפֿער. זיי פֿלעגן הנאָה האָבן ווי אַזוי חיימל שעמט זיך, און ווי צו להכעיס אים עפּעס פֿרעגן. חיימל, אַ צעפּלאָמטער און פֿאַרשוויצטער, אַזוי ווי ער וואָלט געזעסן אויף הייסע קוילן, האָט נישט געוווּסט וווּהין זיך אַהינצוטאָן, און קוים עפּעס אַרויסגעשטאַמלט. איך האָב מאַלטשען, מײַן ייִנגערער שוועסטער, חושד געווען, אַז זי איז פֿאַרליבט אינעם בחור. דער טאַטע, זעט אויס, האָט דאָס באַמערקט, און אים אַ פֿרעג געטאָן אַ פּסוק פֿון דער גמרא. חיימל האָט מיט אַ מאָל אויפֿגעלעבט, ווי מע וואָלט אים אַרויסגעראַטעוועט פֿון ״פֿאַזורקעס״, חיהישע קרעלן. ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צום טאַטן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַנדערן חיימל, און געענטפֿערט שאַרף און דײַטלעך ווי אַן אמתער עילוי.

ווען די דײַטשן האָבן פֿאַרנומען די שטאָט, האָבן זיי אין דער זעלבער נאַכט געהערט ווי דער בחור לערנט. זיי האָבן אַרײַנגעפּראַלט אין בית־מדרש און חיימלען דערשאָסן בײַ דער אָפֿענער גמרא.

און דעמאָלט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז משיח וועט מער נישט קומען פֿאַר די ייִדן.



# אַלטאַלענאַ

אַן אַלאַרם.

מע נעמט אַראָפּ אין אײַלעניש מאַטראָסן פֿון די שיפֿן.

פֿאַרנאַכט ליגן מיר אויסגעשפּרייט לענג־אויס דעם ברעג ים אין תּל־אָבֿיבֿ מיט געווער אין האַנט. מע וואַרט אויף אַ פֿײַנטלעכער שיף.

די שיף, זאָגט מען, איז גאָר אַ ייִדישע, וואָס פֿירט געווער פֿאַר די פּורשים.

קיינער פֿאַרשטייט נישט וואָס דאָ קומט פֿאָר.

די זון האָט זיך שוין געזעצט איבערן ים און דער הימל האָט זיך צעפֿלאַקערט ווי פֿאַר אַן אומגליק.

אַלעמענס אויגן זענען געווענדן אויף צפֿון. פֿון דאָרטן דאַרף קומען דאָס שלעכטס...

און אָט דערנענטערט זיך אויפֿן האָריזאָנט אַ שיף. אַ בלוי ווײַסע פֿאָן פֿלאַטערט אויף איר מיט אַן אויפֿשריפֿט "אַלטאַלענאַ". באַלד לאָזט די שיף אַרויס אַ זאַלפּ אין דער ריכטונג צו דרום.

דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ, און מיר גראָבן זיך נאָך מער אײַן אין דער זאַמדיקער ערד מיטן געווער אָנגעצילט אויף דער שיף.

אַלץ שרײַט אין מיר פֿון אויפֿטרייסלונג און פּחד און איך פֿיל ווי דאָס געווער גליטשט זיך מיר אַרויס פֿון דער האַנט.

ווער ווייסט ווער עס געפֿינט זיך אויף דער שיף, – זעצט מיר דער מוח. אפֿשר, ניצול־געוואָרענע פֿון די טויט־לאַגערן. אפֿשר

מײַנס אַ קרובֿ? אַ חבֿר? און אפֿשר גאָר מײַן אײגענער טאַטע, װאָס האָט זיך געראַטעװעט?

נײן! אַ געװעזענער קאַצעטניק, אַ "מוזלמאַן", װי איך, װעט בשום־אופֿן נישט שיסן אויף אַ צװײטן קאַצעטניק, מעג ער אַפֿילו זײַן דער גרעסטער רשע.

מיט אַ מאָל דרײט זיך די שיף אויס אין מערבֿ און פֿאַרשװינדט הינטער דעם בין־השמשותדיקן האָריזאָנט.

אַ פֿינצטערע, געדיכטע נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער שטאָט. דאָ און דאָרטן באַװײַזן זיך ליכט, אַ סימן פֿון װאָפֿנשטילשטאַנד מיט די אַראַבער. "בלויז די ייִדן פֿירן צװישן זיך מלחמה", – זאָגט צו מיר אַ סאָלדאַט, װאָס ליגט לעבן מיר. צװײ סאָלדאַטן דעזערטירן אין דער נאַכט אַרײַן, זעט אויס – צום צװײטן צד.

אויך איך װיל דעזערטירן. אָבער פֿון װעמען און צו װעמען? אפֿשר פֿון זיך אַלײן? און אַזױ אויסגעמוטשעט שלאָף אין אײַן אויפֿן פֿײַכטן זאַמד.

פֿאַר טאָג דערזע איך די "אַלטאַלענאַ" שטײן אַנטקעגן אונדז װי אַ גולם, פֿאַראַנקערט אויפֿן פֿלאַכן זאַמדיקן ים.

"דאָ רעדט צבֿא הגנה לישׂראל, – הערט זיך אַ קול דורך אַ הילכער, – דאָס געװער, װאָס געפֿינט זיך אויף דער שיף, מוז תּיכּף־ומיד אויסגעליװערט װערן צום צה"ל, װאָס איז דער אײנציקער מיליטער־כּוח פֿון מדינת־ישׂראל."

קײן ענטפֿער קומט נישט. "מיר װאָרענען אײַך, – הערט זיך װידער דאָס קול, – אויב איר װעט זיך נישט אונטערגעבן װעט צה"ל זײַן געצװוּנגען אָנצוּװענדן כּוח!"

ווידער קומט נישט קיין ענטפֿער. ״מיר ווילן נישט קיין בלוט־פֿאַרגיסונג״, – וואָרנט דאָס קול. מיט אַ מאָל פֿאַרפֿלייצט אונדז אַ שטראָם מענטשן פֿון אַרומיקע גאַסן, – מענער, פֿרויען און קינדער פֿול מיט רציחה. אַ האָגל פֿון שטיינער באַשיט אונדז פֿון אַלע זײַטן מיט גוואַלד: ״נאַציס! נאַציס!״

איך קריג אַ שטיין אין לינקן אָרעם, און אַ צווייטער סאָלדאַט, וואָס שטייט לעבן מיר, – גלײַך אין קאָפּ אַרײַן.

״הערסט ווי מע רופֿט אונדז?״ – שרײַט צו מיר דער פֿאַרוווּנדעטער מאַטראָס. דאָס, וואָס מע רופֿט אונדז ״נאַציס״, קרענקט אים מער ווי זײַן צעבלוטיקטער קאָפּ. מע פֿירט אים אַוועק מיט אַן אַמבולאַנס און איך באַווײַז נאָך צו זען אויף זײַן לינקן אָרעם דעם אויסשוויץ־נומער.

מיר ציִען זיך צוריק אינעם בנין פֿון דער הויפּטקוואַרטיר. קיינעם פֿאַלט אַפֿילו נישט אײַן זיך קעגנצושטעלן. בלויז בײַ דער טיר בלײַבן עטלעכע סאָלדאַטן פֿון דער מיליטער־פּאָליציי, כּדי דער המון זאָל זיך נישט אַרײַנרײַסן אין בנין.

אויפֿן דאַך הערט זיך נאָך אַלץ פֿונעם הילכער דאָס קול פֿון צה״ל. קיין ענטפֿער קומט אָבער נישט, אַזוי ווי אויף דער שיף וואָלטן נישט געווען קיין מענטשן, נאָר רוחות.

איך ליג אײַנגעלייגט אין אַ ווינקל אויפֿן דאַך. דאָס געוועזער לעבן מיר, ווי כ׳וואָלט מורא געהאַט עס אָנצורירן.

ערשט מיט אַ טאָג פֿריִער האָב איך דאָס געווער געטראָגן מיט שטאָלץ. און שוין איז דאָס געווער פֿאַר מיר אַן עקל, וואָס כ׳האָב מורא דערויף אַפֿילו צו קוקן.

ווי אָן אַ פֿאַרוואָס און אָן אַ פֿאַרוועץ הייבן אָן אַרום דער שיף פֿאַלן שראַפּנעלן אין ים אַרײַן און שאַפֿן כוואַליעס, ווי די שיף צעווייגט זיך.

אַ מינוט ווערט טויט שטיל... עס דערהערט זיך אַ קנאַל, און אַ רויך שלענגלט זיך אַרויס פֿון דער שיף. מיר ווערן אויפֿגעציטערט, גלייבן נישט אונדזערע אייגענע אויגן.

״ייִדן שיסן אין ייִדן!״ – צעשרײַט זיך אַ מאַטראָס און וואַרפֿט פֿון זיך אַוועק די ביקס. ״דאָס קען נישט זײַן!״ – רײַסט זיך אַ צווייטער די האָר פֿון קאָפּ. אַ דריטער ווערט משוגע, שפּרינגט אַראָפּ פֿונעם בנין, צעברעכט זיך אַ פֿוס און לויפֿט ווײַטער...

מע ווײנט, מע שרײַט, מע מאַכט גוואַלד, מע דראָט מיט די פֿויסטן און מע ווייסט נישט קעגן וועמען. אפֿשר קעגן זיך אַליין?...

איך ברעך אויס אין אַ מאָדנעם געוויין פֿון אַ געוועזענעם ״מוזלמאַן״, וואָס איז נישט קיין געוויין, נאָר אַ פֿאַרקרומט פּנים.

מענטשן פֿון ״אַלטאַלענאַ״ שפּרינגען אין ים זיך צו ראַטעווען.

ערשט איצט זעט מען, אַז נישט קיין רוחות זענען אויף דער שיף, נאָר מענטשן. אַ סך מענטשן. שיפֿלער ציִען זיי אַרויס פֿון וואַסער, – טויטע, לעבעדיקע און פֿאַרוווּנדעטע. ריטשנדיקע אַמבולאַנסן פֿירן זיי אַוועק אין די שפּיטאָלן.

אַ טומל אויף די גאַסן. די אײַנוווינערס בײַם ים פֿאַרלאָזן די הײַזער – די שיף מיט אַמוניציע קען יעדער רגע אויפֿרײַסן.

״אַרײַן אין די מיליטער־אויטאָבוסן!״ – הערט זיך אַ באַפֿעל.

און מע פֿירט אונדז צוריק קיין חיפֿה.

# דער לאָך

גאַנצע נעכט ליג איך בײַם לאָך פֿון די שטעכלדראָטן און גיי נישט אַדורך. עס איז דאָך נאָר איין טריט צו דער פֿרײַהייט! וואָס פֿאַר אַ פֿרײַהייט? דאָרט, אויף יענער זײַט דראָטן אינעם וואַלד, לויערן דאָך די פּאַרטיזאַנערס, די באַנדיטן, ווי די דײַטשן רופֿן זיי.

יאָ, די דײַטשן זענען גערעכט, זיי זענען באַנדיטן! מע דערציילט, אַז די כּלומרשטיקע פּאַרטיזאַנערס, ווי זיי רופֿן זיך, קעמפֿן מער קעגן ייִדן, ווי קעגן דײַטשן. און אפֿשר טרײַבט מען איבער? אויף דער קויקע, פֿאַרן אײַנשלאָפֿן, האַלט איך אין איין אַרויסקוקן דורך אַ שפּאַרע פֿונעם באַראַק אַרײַן צום לאָך, וואָס איז באַלויכטן מיט אַ קרענקלעכער שײַן פֿון דער לבֿנה.

און שוין ליג איך ווידער בײַם לאָך, צווישן דעם ווילד צעוואַקסענעם גראָז, אַז מע זעט מיך קוים אַרויס. איך וואַרט ביז דער רעפֿלעקטאָר אויפֿן שמירה־טורעם וועט פֿאַרשווינדן אויף עטלעכע רגעס אַרום דעם לאַגער און אַדורכשטופּן זיך אויפֿן בויך צו דער פֿרײַהייט.

אָבער יעדעס מאָל ווען כ׳האָב קוים געציילטע סעקונדעס צײַט דאָס צו טאָן ווער איך געליימט פֿון פּחד.

און אַזוי וואַרט איך מינוטן, שעהען, טעג, וואָכן און גיי נישט אַדורך. צום סוף, ווי יעדן אָוונט, דערשלעפּ איך זיך אַן אויסגעמאַטערטער צוריק אויף דער קויקע. קוים שלאָף איך אײַן און שוין פֿײַפֿט מען צום פֿרימאָרגן־אַפּעל אַרויסצומאַרשירן צו דער אַרבעט. דערווײַל רעדט צו מיר די מאַמע אין חלום: ״אליטשקע, מײַן אוצר, דו וועסט לעבן! דו וועסט לעבן!..״

אָבער די מאַמע זאָגט מיר נישט, צי איך וועל לעבן, אויב כ׳וועל אַדורך דעם לאָך פֿון די דראָטן, צי פֿאַרקערט. יעדע נאַכט, פֿאַרן אײַנשלאָפֿן, וואַרט איך אויף אַ צייכן פֿון דער מאַמען. אָבער די מאַמע קומט מער נישט צוריק. און ווען זי איז שוין יאָ איין מאָל צוריקגעקומען, האָב איך צו מאָרגנס גאָרנישט געדענקט.

דער מײַנסטער בײַ דער אַרבעט האַלט אויף מיר אין איין קוקן מיט זײַן רוצחישן בליק. זינט איך האָב אים געסטראַשעט, אַז אויב ער וועט זיך צו מיר צורירן מיט זײַן אײַזן וועל איך אַראָפּוואַרפֿן אויף דר׳ערד דעם שווערן האַרמאַטן־גראַנאַט מיטן שפּיץ אַראָפּ, און די גאַנצע האַלע וועט עקספּלאָדירן, ווייס איך, אַז מײַנע טעג זענען געציילטע. אַלע בײַ דער אַרבעט קײַלט ער מיט זײַן אײַזן מכּות־רצח, אויב זיי פֿילן נישט אויס גענוי די טעגלעכע אַרבעט־נאָרמע, וואָס ער באַשליסט. צו מיר אָבער רירט ער זיך נישט צו. בלויז מיט זײַנע האַלב פֿאַרמרוזשעטע, אימהדיקע אויגן קוקט ער אין מיר לאַנג אַרײַן.

וואָס הייסט, אַ ייִד האָט אים געדראָט!.. פֿון פּחד לאָז איך אַראָפּ די אויגן. ער קאָן דאָך מיך יעדע רגע שיקן צום שיספּלאַץ, גענוי ווי ער טוט מיט די אַנדערע, אָדער פּשוט אַרויסנעמען דעם רעוואָלווער, וואָס ער טראָגט אויף דער זײַט און מיך דערשיסן. אָבער ער טוט דאָס נישט. אפֿשר דערפֿאַר, וואָס איך געהער נאָך כּלומרשט צו די שטאַרקע און געזונטע? און קיין ייִדן צו דער אַרבעט זענען מער ניטאָ אין רעזערוו. נאָך דרײַ, פֿיר חדשים פֿאַלן די מענטשן אַוועק פֿון אָפּשוואַכונג און האָפּ צום ״הימעל־קאָמאַנדאָ״, ווי דער מײַנסטער וויצלט זיך. דײַטשן גיבן נישט סתּם פֿאַראַזיטן אַ זופּ מיט צוואַנציק דעקאָ ברויט אַ טאָג.

מיט דער צײַט הייב איך אָן צו פֿילן, אַז די כּוחות פֿאַרלאָזן מיך. אָט אַצינד, ווען איך בין נאָך אַ ביסל בײַ די כּוחות, מוז איך אַדורך

דעם לאָך אין די דראָטן. איך פֿאַרשטיי אָבער נישט פֿאַר וואָס די וואַכמענער פֿאַרריכטן נישט די דראָטן? זיי זעען דאָך דעם לאָך יעדן טאָג. און דער לאָך בעט זיך ממש אים אַדורכצוגיין... אָדער איז זיי נישט קיין חילוק ווי אַזוי דער ייִד וועט אומקומען, פֿון דער זײַט דראָטן, צי פֿון יענער זײַט דראָטן?...

ביז איצט, זעט אויס, איז נאָך דאָ קיינער נישט אַנטלאָפֿן, אַזוי ווי דער כּוח פֿון ווילן צום לעבן איז בײַ אַלע אָוועקגענומען געוואָרן.

און אַזוי, נאַכט בײַ נאַכט ליג איך בײַם לאָך פֿון די שטעכלדראָטן, וואָס זענען שוין פֿון לאַנג אָן עלעקטרע, און גיי נישט אַדורך. אַ פֿאַרפֿוילטער לאַגער מיט פֿאַרפֿוילטע ייִדן און דײַטשן! אויך איך בין פֿאַרפֿוילט!

דערווײַל קומט דער האַרבסט, דער ווינטער דערנענטערט זיך און איך ווער שוואַכער און שוואַכער. ווען עס צעשטורעמט זיך אַ זאַווערוכע, שלעפּ איך קוים די פֿיס. דער גוף איז סקעלעטיש און אײַנגעהויקערט ווי בײַ אַן אַלטן מאַן. דער מוזלמאַן קוקט שוין אַרויס פֿון מײַנע אויגן, און איך בין נאָך נישט קיין פֿערצן יאָר אַלט.

ווען איך דערשלעפּ זיך קוים צום לאָך אין די דראָטן צעשטורעמט זיך ווידער אַ זאַווערוכע. אַלץ אַרום איז ווײַס פֿאַרפֿרוירן. קיין לבֿנה איז ניטאָ און מען זעט נישט קיין שטערן. אַן אידעאַלע נאַכט זיך אַדורכצושטופּן דורכן לאָך צו דער פֿרײַהייט. איצט איז מײַן לעצטער שאַנס. מאָרגן, זונטיק, בײַ דער סעלעקציע וועט מען מיך נעמען צום שיספּלאַץ.

פֿון דער ווײַטנס הער איך ווי די דײַטשן זינגען:

"Stille Nacht, Heilige Nacht"

ס׳איז ווײַנאַכט. אַפֿילו דער פּראָזשעקטאָר אויפֿן טורעם אַרבעטן נישט.

ס׳איז רוטאָג... שבת...

דער טאַטע זינגט ״שלום־עליכם, מלאכי־השרת״. ער וועט באַלד מאַכן קידוש. די מאַמע פּאָרעט זיך אין דער קיך.

עס שמעקט מיט שבתדיקע ריחות.

די מאַמע נעמט מיך אַרום, טוליעט מיך צו צו זיך אויפֿן בויך.

אָט פֿיל איך די האָר פֿון איר געשלעכט און שטופּ מיך אַרײַן אין דעם לאָך.

אַן אויסערגעוויינלעכע וואַרעמקייט נעמט מיך אַרום וואָס אַ מאָל שטאַרקער און שטאַרקער...

צו מאָרגנס האָט מען געפֿונען אַן אָפּגעפֿרוירענעם קערפּער ליגן אויפֿן שניי.

# דער קלאָון פֿון אושוויץ

גאַנצע טעג זיצט ער אויף די טרעפּ פֿון דער "ניו־יאָרקער עפֿענטלעכע ביבליאָטעק" און שווײַגט. זײַן פּנים – אַ מאַסקע, איז ווײַס. די אויגן זײַנען טרויעריק, כאָטש די מאַסקע לאַכט. זײַן מלבוש מיט אַ געשטרײַפּט קײַלעכדיק היטל דערמאָנט דעם "דאָרט." מענטשן, וואָס גייען פֿאַרבײַ, שטעלן זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, צעלאַכן זיך און וואַרפֿן אים צו אַ קוואָטער. אָפֿט מאָל אַ גאַנצן דאָלער. ניט איין מאָל פֿאַרשפּעטיקן זיך די מענטשן צו דער אַרבעט צוליב דעם קלאָון.

מיטאָגצײַט, ווען די זון שײַנט, קומען זיי אַרויס פֿון די ביוראָען, זעצן זיך אַוועק אַנטקעגן איבער דעם קלאָון און עסן זייערע סענדוויטשן. ס'איז זיי שווער צו עסן, ווײַל זיי האַלטן אין איין לאַכן. וואָס מער דער קלאָון איז "דאָרטן", אַלץ מער לאַכן דאָ די מענטשן. יעדער קלענסטע באַוועגונג פֿונעם קלאָון רופֿט אַרויס אַ געלעכטער. דער דורכגאַנג אויף דער גאַס איז דאָ תּמיד אַ געדרענגטער. אויטאָמאָבילן מיט אויטאָבוסן, וואָס פֿאָרן פֿאַרבײַ, שטעלן זיך אָפּ אויף אַ רגע כּדי הנאה האָבן פֿונעם קלאָון. דער שווײַגנדיקער קלאָון אויף די טרעפּ פֿון דער "ניו־יאָרקער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק" איז איינער פֿון די אַטראַקטיווסטע מקומות פֿאַר טוריסטן, וואָס קומען באַזוכן מאַנהעטען. מאַמעס מיט קינדער זעט מען דאָ אָפֿט. טייל פֿון די קינדער רירן אים אָן און גלעטן. אַנדערע דאָקוטשען אים, ווי קינדער. דעמאָלט ציט זיך דער קלאָון העכער אַרויף אויף די טרעפּ און דער עולם שיסט אויס מיט אַ הילכיקן געלעכטער צוליב זײַן קאָמישן גיין, וואָס ס'איז אין דער אמתן אַ מוזלמעניש גיין.

די מטבעות, וואָס מע וואַרפֿט אים צו, ליגן צעשפּרייט אויף די טרעפּ, אַזוי ווי דאָס גייט אים ניט אָן. נאָר אַ יונג מיידל, וואָס זיצט אָפֿט לעבן אים קלײַבט צוזאַמען דאָס געלט און לייגט אים אַרײַן אין דער טאַש.

צווישן די מטבעות טרעפֿן זיך צען און צוואַנציק דאָלער, אַ מאָל אַפֿילו אַ פֿופֿציקער. איין מאָל איז געלעגן אַ גאַנצער הונדערטער מיט אַ וויזיט־קאַרטל פֿון אַ באַקאַנטן ניו־יאָרקער טעאַטער־אונטערנעמער מיט אַ צושריפֿט: ״זײַ אַזוי גוט און פֿאַרבינדט זיך מיט מיר.״ אין עטלעכע טעג אַרום – ווידער דאָס זעלבע וויזיט־קאַרטל: ״פֿאַר וואָס טעלעפֿאָנירסטו מיר ניט?״ צווישן פֿאַרשידענע מטבעות ליגן צעוואָרפֿן אויף די טרעפּ צעטלעך און בריוו פֿון פֿאַרערערס, ווי אויך ליבעבריוו פֿון מיידלעך, פֿרויען און אַפֿילו פֿון מענער. אויך קינדער לאָזן אים איבער צעטלעך און בריוועלעך: ״הער קלאָון, הײַנט האָב איך אַ סך געלאַכט. אַ דאַנק דיר. מאָרגן קום איך ווידער.״ אויף דער פּאָסט־טרעגער ברענגט אים בריוו און פּעקלעך פֿון קינדער מיטן אַדרעס, – די טרעפּ פֿון דער ניו־יאָרקער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק, פֿינפֿטע אַוועניו.״

אין איין בריוו איז געווען געשריבן:

״מיסטער קלאָון, איך הייס סוזי. כ׳בין זעקס מיט אַ האַלב יאָר אַלט און מיר וווינען אין אָהאַיאָ. מיט אַ וואָך צוריק האָב איך מיט ״מאַמי און דאַדי״ באַזוכט ניו־יאָרק. אַ שיינע ריזנשטאָט מיט אַ סך אינטערעסאַנטע ערטער, אָבער די בעסטע אַטראַקציע ביסט געווען דו. ווען אַלע אַרום דיר האָבן געלאַכט האָב איך געוויינט, ווײַל דו ביסט געווען אַזוי טרויעריק. מיסטער קלאָון, איך בעט דיך, שרײַב מיר. אין די ווײַנאַכט־וואַקאַציעס וועלן מיר ווידער באַזוכן ניו־יאָרק, אַזוי האָבן מיר ״מאַמי״ און ״דאַדי״ צוגעזאָגט, ווײַל איך וויל דיך ווידער זען. מיר וועלן דיר ברענגען אַ וואָלענעם סוועטער, ווײַל

אויף די טרעפּ, ווו דו זיצסט איז ווינטערצײַט זייער קאַלט. סוזי, וואָס בענקט שטאַרק נאָך דיר.״

דאָס מיידל, וואָס זיצט אויף די טרעפּ לעבן דעם קלאָון און קלײַבט צונויף די צוגעוואָרפֿענע מטבעות, גייט אים כסדר נאָך, ווען ער פֿאָרט אַהיים מיטן ״סאַבוויי.״ ער וווינט אין ״דאַון טאַון״, אין אַ פֿאַרוואָרפֿן געסל לעבן קאַנאַל־סטריט, אין אַן איין־צימערדיקער דירה אויפֿן דריטן שטאָק. און כאָטש ער פֿילט, ווי דאָס מיידל פֿאָלגט אים נאָך, קוקט ער זיך אַפֿילו אויף איר ניט אָן. ווען ער קומט אַרויף צו זײַן ווױנונג, און זי נאָך אים, פֿאַרהאַקט ער די טיר הינטער זיך, און דאָס מיידל בלײַבט שטיין מיט דער נאָז פֿאַר דער טיר. אין אירע אויגן באַווײַזן זיך טרערן און זי לויפֿט אַראָפּ פֿון די טרעפּ. און דאָך פֿילט זי זיך ניט באַליידיקט. להיפּוך, וואָס מער ער שטויסט זי אָפּ פֿון זיך, אַלץ מער לויפֿט זי אים נאָך. ווען זי האָט אים דאָס צווייטע מאָל נאָכגעפֿאָלגט אַהיים, האָט זיך צעהאָגלט אַ גאָסרעגן מיט דונערן און בליצן. מענטשן אויף דער גאַס זײַנען אַרײַנגעלאָפֿן אין די טויערן און אין די געשעפֿטן איבערצוּוואַרטן דעם שטורעם. מענטשן, אָבער ניט דער קלאָון...

דער קלאָון איז געווען ״דאָרט.״.. דאָרט, ווו דער מלאך־המוות אין ווײַסע בגדים פֿרעגט זײַן פֿאָטער בעתן אָנקומען קיין אוישוויץ:
״דו ביסט אַ ייִד? דאָס קען דאָך ניט זײַן!״

״יאָ, – האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט מיט ציטער, – איך בין אַ ייִד, מיר זײַנען אַ ייִדישע משפּחה.״

״פֿאָר־ר־ראַ־וססס! שײַסע וואָס דו ביסט!״ – האָט דער מלאך־המוות אין ווײַסן צו אים אַ געשריי געטאָן מיט כעס, אַזוי ווי ער וואָלט אים דאָ צעשטויסן און אָפּגעלייקנט די גאַנצע ראַסן־טעאָריע.

דער פּאָטער, אַ הויכער שטאַנדיקער מאַן מיט העל בלאָנדע האָר און ליכטיק בלאָע אויגן האָט אויסגעזען ווי אַ העכסטער נאָרדישער אַריִער.

ער איז געווען העלער און העכער ניט נאָר פֿונעם מלאך־המוות אין ווײַסע בגדים, נאָר אויך פֿון אַ סך דײַטשן אין אוישוויץ. בלויז דאָס קליינע ייִנגל, וואָס איז געווען בלאָנד ווי זײַן טאַטע, האָט ער אַרויסגעצויגן פֿון דער ריי. דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן וויינען און רופֿן: ״מאַמע! טאַטע! איך וויל זײַן מיט אײַך צוזאַמען!״

״זונעניו, בלײַב דאָרט. דאָרט וועט דיר זײַן בעסער ווי מיט אונדז.״

אין צוויי טעג אַרום האָט מען אויפֿן ייִנגל אָנגעהויבן מאַכן ראַסע־עקספּערימענטן.

ווי תּמיד האָט דער קלאָון פֿאַרהאַקט די טיר הינטער זיך. דאָס מיידל איז געבליבן אין דרויסן, דורכגעווייקט און ציטערדיק פֿון קעלט, און ניט געוווּסט וווּהין זיך אַהינצוטאָן.

צו מאָרגנס איז דער קלאָון פֿאַרשווּנדן פֿון די טרעפּ. ניו־יאָרק איז ווי פֿאַריתומט געוואָרן, פֿאַרלוירן אַן אַטראַקציע. פֿאַרן מיידל איז אַלץ מיט אַ מאָל ווי פֿאַרחושכט געוואָרן. זי האָט דערפֿילט אין זיך אַ פּוסטקייט און דאָך איז זי יעדן טאָג געזעסן אויף די טרעפּ און געהאָפֿט, אַז דער קלאָון וועט ווידער קומען. די פֿאַרבײַגייערס, וואָס האָבן זי שוין געקענט, האָבן בײַ איר כסדר געפֿרעגט צי אפֿשר ווייסט זי וווּהין דער קלאָון איז פֿאַרשווּנדן געוואָרן?

מאַמעס מיט קינדער זײַנען געווען אַנטוישט. קינדער האָבן געוויינט, – ״ווּ איז דער קלאָון?״ – האָבן זיי געפֿרעגט זייערע מאַמעס.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט זיך באַוויזן אין ״ניו־יאָרק טײַמס״ אַ גרויסע רעקלאַמע אויף אַ גאַנצער זײַט פֿון דער צײַטונג מיט אַ בילד פֿונעם שטומען קלאָון, אַז אין קורצן וועט ער אויפֿטרעטן אין אַ וואָדעוויל־טעאַטער אין בראָדוויי. מיט אַ טאָג שפּעטער זײַנען אַלע בילעטן געווען אויספֿאַרקויפֿט, אויף וואָכן פֿאָרויס.

אין אָוונט פֿון דער פּרעמיערע איז פֿאַרן טעאַטער געווען אַזאַ המון, אַז פּאָליציי אויף פֿערד האָט געמוזט האַלטן אָרדענונג. מענטשן האָבן באַצאָלט דרײַ־פֿיר מאָל אַזוי פֿיל פֿאַר אַ בילעט בײַ די פּיפּיקע שוואַרצהענדלערס. צו מאָרגנס זײַנען אַלע צײַטונגען געווען פֿול מיט ליבגעזאַנגען פֿאַר דעם שטומען קלאָון. דער ״ניו־יאָרק טײַמס״ האָט געשריבן:

״דער שטומער קלאָון, וואָס קיינער ווייסט ניט זײַן נאָמען, איז אַ סענסאַציע! ער דערמאָנט דעם באַוווּסטן קלאָון עמעט קעלי[4]. ער האָט, אָבער, אַ גאַנץ אַנדערן פּערזענלעכן סטיל. ער גרימירט דאָס פּנים ווי אַ לאַכנדיקע מאַסקע, דאָס פּובליקום לאַכט, אָבער פֿון אונטער דער מאַסקע זעט מען אַ טראַגיש געשטאַלט. דער קלאָון שאַפֿט אויף דער בינע אַ באַזונדער שטאַרקן טראַגי־קאָמישן פּערסאַנאַזש.״

דעם זעלבן אָוונט איז דעם מיידל געלונגען צו קויפֿן אַ בילעט אויף שוואַרץ. ווען די קוליסן האָבן זיך אויפֿגעמאַכט, איז זי געוואָרן ווי פֿאַרכישופֿט, גענוי ווי דער גאַנצער עולם אין זאַל. דער קלאָון איז געזעסן אין דער פּאָזע פֿון ״דענקער״, ווי די סקולפּטור פֿונעם פֿראַנצייזישן סקולפּטאָר אָגוס ראָדען, אָבער געקוקט גלײַך

---

[4] עמעט קעלי – אַן אַמעריקאַנער שטומער קלאָון, 1898 ־ 1979

אין די אויגן פֿונעם פּובליקום. זײַן פּנים איז געווען פֿאַרשטיינערט, די אויגן פֿאַרשטיינערט, פּונקט ווי זײַן קערפּער. ממש אַ סקולפּטור פֿון שטיין, נאָר דער קוק זײַנער האָט זיך פּאַוואָליע פֿאַרענדערט – פֿון איראָניע צו באַשולדיקונג, פֿון באַשולדיקונג צו רחמנות, צו שפּאָט, און ווײַטער – צו אָן אַ שיעור מענטשלעכע געפֿילן און אַויסדרוקן. יעדער קוק זײַנער האָט אַרויסגערופֿן אַ געלעכטער. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער מיט אַ שווערן זיפֿץ געטוישט די אָנגעלענטע האַנט אויף דער קני, אויף אַזאַ קאָמישן אופֿן, אַז דער זאַל האָט אויסגעשאָסן מיט אַ נײַ געלעכטער.

דער קלאָון, אָבער, איז געווען "דאָרטן", דאָרטן, וווּ מע האָט אויף אים דורכגעפֿירט עקספּערימענטן. מע האָט אים "אויסגעפּאַשעט" מיט גוטע מאכלים, אַז ער האָט זיך קוים געקענט רירן, און צוריק אויסגעהונגערט, אַז ער האָט אויסגעזען ווי אַ סקעלעט. און ווידער אַ מאָל אויסגעפּאַשעט־אויסגעהונגערט, אַהין און צוריק. זײַן בויך איז געשוואָלן געוואָרן און ווי געטאָן, ער האָט ניט געקענט משתּין זײַן. זײַן בעטן זיך בײַ אַ פּוילישן דאָקטער, זעט אויס אַ העפֿטלינג, וואָס האָט געאַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע פֿונעם מלאך־המוות אין ווײַסן, אַז ער זאָל אים טויטן מיט אַן אײַנשפּריצונג אָדער מיט סם, ווײַל ער קען מער ניט אויסהאַלטן די פּײַן. די קאָמיסיע פֿון אַ צענדליק דײַטשישע דאָקטוירים, ספּעציאַליסטן און סטודענטן האָט זיך צוגעקוקט צו די עקספּערימענטן. זיי האָבן געלאַכט בעת ער האָט געליטן. אַ דאָקטער, מיט אַ כּלומרשט רחמנותדיק פּנים בעט אים, אַז ער זאָל אים ווײַזן ווו גענוי האָט ער די ווייטיקן.

אַ הילכיק געלעכטער אין זאַל ברענגט אים צוריק פֿון "דאָרטן", און ער פֿאַרשטייט אַפֿילו ניט פֿאַר וואָס דאָס פּובליקום לאַכט. מיט אַ מאָל שפּרינגט ער אויף, און אין באַגלייטונג פֿון אַ פֿריילעכן

מאַרש שפּילט ער אַן אַבסטראַקטע פאַנטאָמימע פֿון ״דאָרטן״, און כאָטש קיינער פֿאַרשטייט דאָס ניט, דאָך ציטערט דער זאַל אויף פֿון לאַכן. פֿאַר אים, אָבער, איז די כּלומרשט אַבסטראַקטע פאַנטאָמימע בכלל ניט אַבסטראַקט, זי איז מערווירקלעך ווי די ווירקלעכקייַט אַליין. בלויז איין מאַן, וואָס זיצט צווישן דעם עולם, האָט מיט אַ מאָל אויפֿגעהערט לאַכן. זייַן פּנים איז פּלוצעם געוואָרן ערנסט און ווי צוגעשמידט צום קלאָון. ס׳האָט אויסגעזען אַזוי ווי ער וואָלט געוועז דער איינציקער אין זאַל, וואָס פֿאַרשטייט די פאַנטאָמימע. צום סוף גיט דער קלאָון אַ בטלדיקן מאַך מיט דער האַנט צום פּובליקום און הייבט אָן בלאָזן כּדי אויסצולעשן די פּראָזשעקטאָרן, וועלכע באַלייַכטן די בינע. בלאָזט ער פֿון איין זייַט בינע גייט אויס די ליכט פֿון דער צווייטער זייַט. בלאָזט ער פֿון דער צווייטער זייַט, צינד זיך צוריק אָן די ליכט פֿון דער ערשטער זייַט בינע, – אַהין און צוריק. אַלץ איז ביי אים אַזוי שלימזלדיק, אַז דער עולם פּשוט פּלאַצט פֿון געלעכטער. דער קלאָון האַלט אין איין קרעכצן פֿון מידקייַט. מיט אַ מאָל לעשן זיך אויס אַלע פּראָזשעקטאָרן אין זאַל און ס׳ווערט פֿינצטער, בלויז איין פּראָזשעקטאָר באַלייַכט דעם שטול אויף דער בינע, וווּ ער זיצט אַן אויסגעשעפּטער, און פאַמעלעך שלאָפֿט ער איין. דאָס גאַנצע פּובליקום שפּרינגט אויף אויף די פֿיס און גיט אים אָפּ אַ ״standing ovation[5]״.

נאָך דער פֿאָרשטעלונג רייַסט זיך אַרייַן, ווי אַ לונאַטיקער, דער פֿרעמדער מאַן מיטן ערנסטן פּנים, פֿון זאַל אין דער קאַבינע פֿונעם קלאָון. ביידע מענער קוקן אויף זיך שווייַגנדיק. נאָך עטלעכע רגעס שאַרצט דער מאַן אַרויף זייַן לינקן אָרעם מיטן אויסטאַטויִרטן אוישוויץ־נומער. באַלד שאַרצט אויך דער קלאָון אַרויף זייַן לינקן

[5] standing ovation - אַפּלאָדירן שטייענדיקערהייט

אָרעם מיטן אויסטאַטויִרטן אויסשוויץ־נומער. נאָך אַ ווײַלע אויף זיך קוקן פֿאַרלאָזט דער פֿרעמדער די קאַבינע אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

קיינער אין טעאַטער ווייסט נישט ווי אַזוי דער קלאָון זעט אויס אָן זײַן גרימירט פּנים, ווײַל תּמיד קומט ער אין טעאַטער אַרײַן גרימירט, אין זײַנע קלאָונישע בגדים און אויך אַזוי פֿאַרלאָזט ער דעם טעאַטער. קיינער ווייסט אויך ניט זײַן נאָמען. ער הייסט זיך רופֿן ״דער שטומער קלאָון.״ אַזוי האָט ער זיך אויך אונטערגעשריבן אינעם טעאַטער־קאָנטראַקט.

נאָך אַ לענגערער צײַט שפּילן אינעם טעאַטער איז דער קלאָון צוריק געזעסן אויף די טרעפּ פֿון דער ניו־יאָרקער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק. ער האָט איבערגעלאָזט אַ דאַנקבריוו פֿאַרן דירעקטאָר פֿונעם טעאַטער, אַז צוויי יאָר אויף דער בינע איז פֿאַר אים גענוג. ״איך האָב ליב די מענטשן אויף דער גאַס. איך פֿיל זיך ווי אַ גאַסן־אַרטיסט״, האָט ער געשריבן. ס׳האָט אויסגעזען ווי די ניו־יאָרקער אויף דער גאַס וואָלטן צוריק געפֿונען אַ פֿאַרלוירענעם זון. די פּרעסע האָט זיך צעשריבן און מודיע געווען די סענסאַציע. וואָס הייסט? אַ סטאַר, אַ שטערן זאָל פֿאַרלאָזן אַ קאַריערע אין טעאַטער און ווערן צוריק אַ גאַסן־אַרטיסט, אַ שלעפּער?...

דאָס מיידל איז צוריק געזעסן לעבן אים אויף די טרעפּ און צוזאַמענגעקליבן די צעוואָרפֿענע מטבעות, ווי פֿריִער. ווען ער האָט זי דערזען איז אים וואַרעם געוואָרן אויפֿן האַרצן. פֿון דעסט וועגן האָט ער זיך רעכט אויף איר ניט אומגעקוקט און צו איר ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. די גאַס האָט ווי אויפֿגעלעבט, צוריק געוואָרן אַ געדרינגטע פֿון די פֿאַרבײַגייערס, טוריסטן, מאַמעס מיט קינדער, וואָס האָבן געקוויטשעט פֿון גדולה.

די לעצטע טעג פֿאַר ווייַנאַכט רוישט ניו־יאָרק. די וואַרנהײַזער, די געשעפֿטן, די רעסטאָראַנען זײַנען איבערגעפֿולט מיט קונים. אויף די דעקאָרירטע, אויסגעסטרויעטע אַוועניועס, אויף די גאַסן מיט סימבאָלן פֿון די חגאות שטייען די וואָלאָנטערן פֿון דער "salvation army"[6] און זינגען הייליקע קאָלענדעס, דערבײַ קלאַפּן זיי מיט די צדקה־פּושקעס, אַ "סאַנט ניקאָלאַ" מיט אַ שניי ווײַסער באָרד קלינגט אין אַ גלעקל און טיילט אויס צוקערלעך פֿאַר קינדער. לעבן אים שטייט אַ רעליגיעזער פּריידיקער און וואָרנט די וועלט און די מענטשן, אַז זיי זאָלן וואָס שנעלער תּשובֿה טאָן, ווײַל אָט־אָ־טאָ וועט זיך דער אויסלייזער, יעזוס קריסטוס באַווײַזן און די אַפּיקורסים וועלן ברענען אין גיהנום. ער שילדערט דעם גיהנום דראַמאַטיש, שוידערלעך, מיט אַלע פּיטשעווקעס, דהײַנו, – ווי אַזוי מע וועט זיי ברענען און בראָטן אין גיהנום אויף גליִענדיקע קוילן, מיט שלאַנגען און עקדישן, וואָס וועלן פֿון זיי רײַסן שטיקער לעבעדיקערהייט.

וואָס מער ער פּריידיקט און וואָרנט, אַלץ מער פֿאַלט ער אַרײַן אין אַ גרעסערן עקסטאַז. ער איז אין גאַנצן צעשוויצט, זײַן קערפּער וואַרפֿט זיך פֿון עקזאַלטאַציע. אַ רעדל גלויביקע שטייען אַרום אים, טייל שאָקלען צו מיט די קעפּ, אַז יאָ, טאַקע אַזוי וועט עס זײַן און זיי האַלטן אין איין רופֿן: "הושענא! הושענא! אמן! ואמן!" בײַ איינער אַ פֿרוי פֿון פּחד שטייען טרערן אין די אויגן. אין ראָקפֿעלער־צענטער גליטשען זיך אויפֿן אײַז גרויס און קליין. אַ לײַכטע מוזיק באַגלייט זיי. ניו־יאָרק איז אויסגעפּוצט, גרייט צו די חגאות. בלויז דער קלאָון, וואָס זיצט אויף די פֿאַרשנייטע טרעפּ זעט דאָס ניט. ער איז "דאָרטן"...

---

[6] salvation army – דערלייזער־אַרמיי, וואָס העלפֿט די אָרעמע־לײַט

אַ מוזלמאַן, וואָס קען זיך מער ניט רירן. איצט וואַרט אויף אים דער טויט. ער ליגט פֿאַרחלשט, ווען די אַלייִרטע אַרמייען באַפֿרײַען דעם לאַגער.

דאָס אויפֿוועקן זיך אינעם אַמעריקאַנער מיליטער־שפּיטאָל, ווו־ מע האָט אים געשטעלט אַ ביסל אויף די פֿיס... זײַן וואַלגערן זיך איבער דער חרובֿדיקער אייראָפּע... דאָס ניט קענען געפֿינען קיין מקום־מנוחה... דאָס פֿאַרטרײַבן אים פֿון האָלאַנד צוריק קיין דײַטשלאַנד...

אַ קינדערהיים לעבן אַנטווערפּען. און ווידער אַ מאָל אַ שפּיטאָל, צוליב די ווייטיקן אינעם געשלעכט און אין בויך. דאָס אַדאָפּטירן אים בײַ אַ פֿאַרמעגלעכער אַנטווערפּענער פֿאַמיליע, עס האָט אים דאָרט גאָרניט געפֿעלט, און ער איז פֿון זיי אַנטלאָפֿן. און אפֿשר פֿון זיך אַליין? אַלץ מישט זיך אים אויס אין אַ פּלאָנטער. די שול פֿאַר קלאָונערײַ אין קאָפּענהאַגען. די ערשטע אויפֿטרעטונג מיט זײַן מײַסטער אינעם באַקאַנטן טיוואָלי־פּאַרק. דאָס מקנא זײַן אים פֿונעם מײַסטער, ווען אַ צײַטונג האָט אָנגעשריבן, אַז דער תּלמיד האָט איבערגעשטיגן זײַן לערער. זײַן אַרומפֿאָרן מיט אַ צירק איבער אייראָפּע. דאָס עמיגרירן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. ניו־יאָרק, וואָס מאַכט אויף אים אַ גוואַלדיקן רושם. זײַן באַשלוס צו ווערן אַ גאַסן־קלאָון.

מיט אַ ציטער וועקט ער זיך אויף ווי פֿון אַ חלום, ווען דאָס מיידל לייגט אים אַרײַן אין דעם טאַש די צוזאַמענגעקלײַבענע מטבעות פֿון די פֿאַרשנייטע טרעפּ. ער זעט ניט קיין מענטש פֿאַר די אויגן, חוץ דאָס מיידל, וואָס זיצט לעבן אים.

עס בושעוועט אַ זאַווערוכע. די רוישיקע גאַסן זײַנען ליידיק. ניו־יאָרק שטייט אין פֿינצטערניש, כאָטש ס׳איז נאָך טאָג. די

אויטאָס אין פֿולער ליכט שלעפּן זיך איבער די פֿאַרשנייטע גאַסן ווי טשערעפּאַכעס.

"Basta fuer heute", זאָגט ער צו זיך אַליין, געגנוי ווי דער מלאך־המוות אין ווײַסן, דאָרט, אין אוישוויץ, פֿלעגט צו זיך זאָגן נאָך אַ טאָג עקספּערימענטן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, אַראָפּ צום סאַבוויי אַהיים צו פֿאָרן, און דאָס מיידל, ווי אַ מאַגנעט, נאָך אים. ווען ער האָט אויפֿגעמאַכט די טיר פֿון זײַן דירה, האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן, אפֿשר דאָס ערשטע מאָל, און דערזען, אַז זי ציטערט פֿון קעלט. אַ מינוט איז ער געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט זיך עפּעס באַזונען און אַ ווײַז געטאָן מיטן קאָפּ, אַז זי זאָל אַרײַנגיין. דאָס מיידל האָט אויף אים געקוקט און ניט געגלייבט אירע אייגענע אויגן, און מיט ניט־זיכערע טריט איבערגעטראָטן די שוועל פֿון דער וווינונג. ער האָט אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אויף אַ שטול, אַז זי זאָל זיך אַוועקזעצן.

ער מאַכט אויף די באַהייצונג און אין שטוב ווערט וואַרעם. ער זעצט זיך אַוועק בײַ אַ טישל מיט אַ גרויסן שפּיגל, ווו עס ליגן פֿאַרשידענע שמינקען און הייבט אָן רייניקן דאָס פּנים. דאָס ציטערדיקע מיידל זיצט נאָך אַלץ אויפֿן שטול און איז ניט זיכער צי אָט דער מענטש קען בכלל רעדן. דאָס האַרץ קלאַפּט אין איר ווי אַ האַמער, און זי מיינט, אַז עס וועט באַלד פֿון איר אַרויסשפּרינגען. ווען ער טוט אויס דאָס קלאָוניש היטל באַווײַזט זיך אַ געדיכטע טשופּרינע פֿון העל בלאָנדע האָר.

ערשט איצט באַמערקט זי זײַנע העל בלאָע אויגן און ווערט אין גאַנצן צעפּלעפּט. ער גייט אַרײַן אין באָדצימער און באַלד דערהערט זיך דאָס פּליוכען פֿון וואַסער. דערווײַל קוקט זי זיך אַרום און זעט אַ ריזנצימער, שיין אײַנגעאָרדנט, מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן פֿאַר אַ יונגן מאַן. אַלץ געפֿינט זיך אין אָט דעם

איינציקן צימער, סײַ די קיך, סײַ דער שלאָפֿצימער און סײַ דער סאַלאָן.

עס דויערט ניט לאַנג און ער קומט אַרויס פֿון באָדצימער אַ צעשטראַלטער, אין אַ לײַכט העמדל. דאָס מיידל זיצט אויפֿן שטול און גלייבט ניט, אַז אָט דער שטאַנדיקער מאַן איז דער זעלבער קלאָון, וואָס באַוועגט זיך אַזוי קאָמיש פֿאַרקרימט. אַפֿילו די הייך זײַנע איז איצט אַן אַנדערע. ממש אַ מעטאַמאָרפֿאָזע פֿון אַ מענטש.

"ווי הייסטו?" – פֿרעגט ער זי מיט אַ שווערן אַקצענט.

"אַן, – ענטפֿערט זי, – און דו?"

אַ רגע שווײַגט ער.

"איך האָב ניט קיין נאָמען, – ענטפֿערט ער האַלב שטיפֿעריש, האַלב טרויעריק, – אָבער מען רופֿט מיך "דער שטומער קלאָון."

"דאָס ווייס איך", – שאָקלט זי צו מיטן קאָפּ.

"וואָס טרינקסטו, אַן? קאַווע, טיי, קאָלאַ, ספּרײַ?"

"אַ קאַווע, ביטע", – ענטפֿערט זי אין גאַנצן צעמישט.

ער קאָכט אויף וואַסער, גיסט אָן צוויי טעפּלעך קאַווע און שטעלט אַרויף אויפֿן טיש אַ גאַנצע וועטשערע פֿאַר צוויי.

"ביטע, צום טיש, – גיט ער אַ מאַך מיט אַ טעאַטראַלן זשעסט, – אָבער פֿאַר וואָס זיצסטו אין מאַנטל? ס'איז דאָך וואַרעם אין שטוב", – דערבײַ שאַרצט ער אַרויף די אַרבל פֿון העמד.

ווען זיי זעצן זיך אַוועק צום טיש באַמערקט זי אַן אויסטאַטויִרטן נומער אויף זײַן אָרעם.

"וואָס קוקסטו אַזוי? ס'איז ניט מער ווי אַ נומער פֿון "דאָרטן".

״פֿון װעלכן ״דאָרטן״?

״פֿון דאָרטן, פֿון אױשװיץ. באָן אַפּעטי, – גיט ער אַ זאָג מיטן זעלבן אָטעם, – זײַ מיר מוחל, איך מוז עפּעס עסן. אַ גאַנצן טאָג גאָרניט אַרײַנגעלײגט אין מויל אַרײַן, איך פּגר פֿון הונגער. איך בעט דיך, עס מיט.״

בײדע האָבן געגעסן שטילערהײט. ער – מיט אַ גוואַלדיקן אַפּעטיט און זי – קוים עפּעס טועם געװען. אירע געדאַנקען זײַנען געװען אין זײַן ״דאָרטן״, אין אױשװיץ.

״אַן, איך פֿאַרשטײ, אַז דו ביסט אַ סטודענטקע, װײַל תּמיד זיצסטו אויף די שטיגן מיט ביכער.״

״אמת, איך שטודיר אינעם קאָלומביאַ־אוניװערסיטעט.״

״װאָס שטודירסטו?״

״ליטעראַטור און פֿילאָסאָפֿיע.״

״אינטערעסאַנט, – זאָגט ער און דערבײַ שטעלט ער אַרויף אויפֿן טיש כּלערלײ קוכנס, – שטרודל, שאָקאָלאַד, פּראַלינע, און גיסט אָן צװײ גלעזער טײ, – איך האָב זײער ליב זיסװאַרג. זינט דעמאָלט, װען כ׳בין געװען ״דאָרטן״ האָב איך ליב זיסװאַרג, אָבער נאָך מער האָב איך ליב ברויט. װער ס׳איז געװען ״דאָרטן״ האָט ליב ברויט, אַ סך ברויט.״

״דו ביסט אַ ייִד?״ – האָט זי געפֿרעגט און דערבײַ אײַנגעביסן די צונג פֿאַר דער ניט־דעליקאַטער פֿראַגע.

״צום באַדויערן יאָ.״

״פֿאַר װאָס ״צום באַדויערן?״

״װײַל װאָס איז די מציאה צו זײַן אַ ייִד? פֿאַרברענט צו װערן?״

ביידע האָבן געשוויגן, געגעסן פֿאַרטראַכט דעם זיסן צובײַס און געטרונקען הייסע טיי.

״די פּראַלינע מיט שאָקאָלאַד, – רײַסט ער איבער דאָס שווײַגן, – זײַנען די בעסטע אויף דער וועלט. די פּראַלינעס זײַנען בעלגישע און דער שאָקאָלאַד שווייצערישער.

״און דער קוכן מיטן שטרודל?״ – פֿרעגט זי.

״ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַ ייִדישער. און אַוודאי און אַוודאי דער בעסטער אויף דער וועלט.״

דאָס מיידל איז געווען געפּלעפּט פֿון זײַן הומאָר.

״וואָס שײַך דעם שטרודל, זײַנען די קולינאַרן, פֿאָרשערס און היסטאָריקערס ניט איינציק מיט זיך. טייל ספּעציאַליסטן האַלטן, אַז דער שטרודל מיטן קוכן האָבן אויסגעפֿונען די עסטרײַכער. די אַנדערע, ווידער, האַלטן, אַז – ייִדן, נאָך אין מיטלאַלטער, ווען זיי זײַנען געזעסן פֿאַרשפּאַרט אין די געטאָס, האָבן זיי דאָס אויסגעפֿונען און געהאַלטן פֿאַר זיך דעם סוד, כּדי די גוייִם זאָלן ניט הנאה האָבן פֿון די אַלע גוטע מאכלים, און זיי זאָלן ווײַטער פֿרעסן חזיר. ערשט ווען מע האָט די ייִדן באַפֿרײַט פֿון די געטאָס, האָבן זיי מגלה געווען דעם סוד פֿאַר דער וועלט, און לכּבֿוד דעם גוטן עסטרײַכישן קיסר אַ נאָמען געגעבן ״דער ווינער שטרודל״.

״אויך אַנדערע גוטע זאַכן האָבן ייִדן אויסגעפֿונען״, – האָט דאָס מיידל געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

״דו מיינסט דעם פּראָפֿעסאָר אַלבערט אײַנשטיין, זיגמונד פֿרויד און אַנדערע געלערנטע? אויך האָליוווּד און בראָדוויי האָבן די ייִדן אויסגעפֿונען און באַהערשט. און ווער שמועסט נאָך די ראָטשילדן אין אייראָפּע, די מאָרגענטאַוס, די קוגענהיימס, די מאירס, די

סלוצבערגס מיט די אַלע ייִדישע מאַגנאַטן אין אַמעריקע, וואָס ווילן באַהערשן די וועלט, ווי די אַנטיסעמיטן טענהן. אָבער די אַנטיסעמיטן פֿאַרשטייען ניט, אַז די ייִדן האָבן באַהערשט די וועלט נאָך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. זיי האָבן געשיקט דער וועלט אַ נײַעם נעבעכדיקן גאָט, אַ בעל־רחמנותדיקן גאָט, וואָס לײַדט פֿאַר דער מענטשהייט. די אַנטיסעמיטן פֿאַרשטייען ניט, אַז זיי קניִען און צלמען זיך פֿאַר אַ לײַדנדיקן ייִד. בלויז די נאַציס האָבן דאָס פֿאַרשטאַנען און האָבן פֿײַנט באַקומען דעם נעבעכדיקן ייִד, וואָס הענגט אויפֿן צלם. וואָלט יעזוס געלעבט אין אונדזער צײַט וואָלט מען אים צוזאַמען מיט זײַן "הייליקער מוטער" אומגעבראַכט מיט אַלע ייִדן אין אוישוויץ. שטרײַכער, דער רעדאַקטאָר פֿונעם נאַצישן וואָכנבלאַט "Der stuermer", האָט מיט אַלע כּוחות פּרובירט באַווײַזן, אַז יעזוס קריסטוס איז ניט געווען קיין ייִד.

ס'איז אים, אָבער ניט געלונגען. אַפֿילו אין די פֿילמען ווײַזט מען תּמיד יעזוסן מיט זײַנע תּלמידים און גלויביקע, וואָס זיי אַלע זײַנען געווען ייִדן, ניט ווי דעם המון מיט שפּיציקע בערד, קרומע נעז און בלוט דאָרשטיקע אויגן. ליהפּוך, זייער אויסזען איז אַ גוטמוטיקער, מער ענלעך צו די גריכן און רוימער. וואָלטן די נאַציס דעררואָבערט די וועלט, וואָלטן זיי אומגעבראַכט די רעשט ייִדן מיטן קריסטנטום צוזאַמען. זיי וואָלטן אויפֿגעשטעלט אַ נײַע קירך מיט אַ נײַעם נאַצישן אָפּגאָט. ניט קיין נעבעכדיקן, לײַדנדיקן גאָט אַ ייִד, נאָר אַ שטאַרקן און קרעפֿטיקן אַרישן גאָט. עס קען זײַן, אַז דער פֿירער אַדאָלף היטלער בכבֿודו ובעצמו וואָלט געוואָרן דער "גאָט" און גערינג, געבעלס און הימלער וואָלטן געוואָרן זײַנע אַפּאָסטאָלן. דאָס אַלץ האָט דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿון יעזוסן אויף דער וועלט ניט געוואָלט זען און געשוויגן ווי אַ פֿיש. ס'וואָלט געווען גענוג, אַז דער הייליקער שטול אין וואַטיקאַן זאָל אַרויס מיט אַ קול־קורא קעגן דעם שׂטן אין בערלין צו זײַנע גלייביקע בלויז מיט צוויי

ווערטער: "ראַטעוועט ייִדן!" און צענדליקער טויזנטער ייִדן און ניט־ייִדן וואָלטן זיך געראַטעוועט. נאָר אין פּוילן אַליין וואָלטן די קריסטן אָפּגעראַטעוועט אפֿשר אַ מיליאָן ייִדן פֿון די דרײַ מיט אַ האַלבן, וואָס האָבן דאָרט געוווינט. פֿון וואָס האָט דער פּויפּסט מורא געהאַט? אַז מע וועט אים שיקן קיין אוישוויץ? מיט דעם אַליין, אַז "דער הייליקער פֿאָטער" געפֿינט זיך אין אוישוויץ, האָט ער געקענט דערהייבן דאָס קריסטנטום צו די העכסטע הייכן, אויב ניט נאָך העכער. אָבער אַנשטאָט אַזאַ מענטשלעכן און העכט רעליגיעזן טאַט – זיך מוסר־נפֿש זײַן און טאַקע אומקומען אויף קידוש־השם, גענוי ווי די ערשטע קריסטן אין רוים זײַנען אומגעקומען, האָט דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿון גאָט אין וואַטיקאַן דערנידעריקט דאָס קריסטנטום ביז צו די נידעריקסטע טיפֿן, אויב ניט נאָך טיפֿער.

דאָס מיידל האָט שווער אָפּגעאָטעמט און אַרויסגעלאָזט אַזאַ ייִדישן "אוי", וואָס מער ייִדישלעך קען ניט זײַן.

"אַן, דו ביסט אַ גלויביקע?"

"אפֿשר, אָבער איך פּראַקטיקיר ניט. ווען איך בין געווען אַ קליין מיידל פֿלעגט מיך די באָבע אָפֿט מאָל מיטנעמען אין דער קירך. מײַן מאַמע באַטרעט זעלטן די שוועל פֿון דער קירך, בעיקר אין די ווײַנאַכטן און טייל מאָל אין דער הייליקער וואָך מיט איר מוטער, מײַן באָבע. מײַן טאַטע איז בכלל אַ פֿרײַדענקער, אַ ליבעראַלער מענטש. און דו ביסט אַ גלויביקער?" – האָט זי אים געפֿרעגט.

"ווער ס'איז געווען אין אוישוויץ קען מער ניט זײַן קיין גלויביקער. אין דער היים בין איך געווען אַ רעליגיעז ייִדיש ייִנגל, גענוי ווי מײַנע עלטערן און אורעלטערן. דאָרט, אין אוישוויץ, איז

מײַן גלויבן, געענוי ווי מײַן גוף, פֿאַרניכטעט געוואָרן. איך האָב דאָרט מיט מײַנע אייגענע אויגן געזען גאָט אַלס נאַצי.״

״וואָס?״ – האָט אַ פֿרעג געטאָן דאָס מיידל, אַזוי ווי זי וואָלט ניט דערהערט זײַנע ווערטער.

״יאָ, אין אוישוויץ איז גאָט געווען אַ נאַצי! אָדער פֿאַרשוווּנדן געוואָרן מיטן רויך פֿון דער קרעמאַטאָריע מיט אַלע ייִדן צוזאַמען. אויך די ייִדן, וואָס לעבן הײַנט, זײַנען אומגעקומען אין אוישוויץ. דאָס וועט מען ערשט זען מיט דורות שפּעטער.״

אַ רגע האָט דאָס מיידל געשוויגן, דערנאָך אַ קוק געטאָן אויף איר זייגערל און זיך האַסטיק אויפֿגעהויבן.

״זײַ מיר מוחל, ס׳איז שפּעט, איך מוז אַהיים גיין. מאָרגן אין דער פֿרי האָב איך אַ וויכטיקע לעקציע אין אוניווערסיטעט.״

דער קלאָון איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און אַרויסגעקוקט.

״אַן, איך בעט דיך, בלײַב דאָ נעכטיקן. אין דרויסן איז אַזאַ זאַווערוכע, אַז ס׳איז אַן עבֿירה אַפּילו אַ הונט אַרויסצולאָזן.״

דאָס מיידל איז געבליבן געפּלעפּט פֿונעם פֿאָרשלאַג און אַ וואַרעמקייט האָט זי אַרומגענומען.

״דו וועסט שלאָפֿן אין בעט, – האָט ער געזאָגט, – און איך וועל מיר אויסבעטן אויפֿן דיל.״

״ניין, – האָט זי זיך געווערט, – איך וועל שלאָפֿן אויפֿן דיל.״

״גוט, מיר וועלן נאָך זען. אַן, אויב דו האָסט חשק קענסטו דיר מאַכן אַ באָד. אין באָדצימער האָסטו אַ פֿרישן האַנטעך און אַ זויבערע פּיזשאַמע.״

ווען אַן איז אַרויסגעגאַנגען פֿונעם באָדצימער איז ער שוין געלעגן אויפֿן דיל.

„אַן, כ׳האָב איצט איבערגעצויגן דאָס בעט. קריך אַרײַן און לעש אויס די ליכט. אַ גוטע נאַכט.‟

ביידע האָבן זיך געדרייט אויף די געלעגערס און ניט געקענט אײַנשלאָפֿן. מיט אַ מאָל האָט ער דערפֿילט איר וואַרעמע האַנט.

לאַנג זײַנען זיי אַזוי געלעגן, האַלטנדיק זיך בײַ די הענט.

„אַן, דערצייל מיר וועגן זיך.‟

„איך האָב ניט וואָס צו דערציילן.‟

„דערצייל, יעדער איינער האָט וואָס צו דערציילן.‟

„גוט. איך בין געבוירן געוואָרן אין באָסטאָן אין אַ יענקי־פֿאַמיליע. מײַן טאַטנס משפּחה שטאַמט פֿון די ערשטע פּיליגרימען. פֿון דער מאַמעס זײַט, – די האָלענדער, וואָס האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע מיט דורות צוריק, ווען ניו־יאָרק האָט נאָך געהייסן ניו־אַמסטערדאַם. מײַן טאַטע איז אַ באַוווּסטער האַרץ־כירורג אין איינעם פֿון די גרעסטע שפּיטאָלן אין ניו־יאָרק, און מײַן מאַמע איז אַ קראַנקן־שוועסטער און העלפֿט אים אַרויס. איך בין זייער איינציקע טאָכטער, און ווי איך האָב דיר שוין דערציילט, שטודיר איך אינעם קאָלובליאַ־אוניווערסיטעט. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב צו דערציילן. יאָ, כ׳האָב עפּעס פֿאַרגעסן. אינעם קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט האָב איך זיך באַקענט מיט ייִדישע סטודענטן און פֿון זיי האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט וועגן דעם האָלאָקאָסט.

„אינטערעסאַנט‟, – האָט ער געזאָגט.

״באמת? – און שוין איז זי געווען אין זײַן געלעגער אויפֿן דיל און אים באַשיט מיט הייסע קושן, – איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך ליב״, – האָט זי געהאַלטן אין איין שעפּטשען.

״אויך איך האָב דיך שטאַרק ליב, – האָט ער איר צוריקגעשושקעט, – אָבער...״ – דאָ האָט ער זיך פֿאַרהאַקט און געשוויגן.

״וואָס איז דער ״אָבער?״ – האָט דאָס מיידל נערוועז געפֿרעגט.

ער האָט ניט געענטפֿערט.

״איך בעט דיך, זאָג מיר, וואָס הייסט דער ״אָבער?״ – דאָס מיידל האָט זיך צעוויינט.

ער האָט זי געצערטלט, געווישט די טרערן און צו איר געזאָגט:

״מײַן טײַערע אַן, איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז איך האָב דיך שטאַרק ליב, אָבער איך בין אַרויס פֿון אוישוויץ אַ קאַליקע. מע האָט אויף מיר דאָרטן געמאַכט ראַסן־עקספּערימענטן. איך בין מער ניט קיין מאַן״.

דאָס מיידל האָט אויפֿגעציטערט און פֿאַרלוירן דאָס לשון, אָבער אין אַ רגע איז זי צו זיך געקומען און געזאָגט:

״דו ביסט אַ מאַן, אַן עכסטער מאַן. דו דאַרפֿסט נאָר מעדיצינישע הילף.״

״ליבע אַן, נאָך דער באַפֿרײַונג האָט מען פּרובירט מיר צו העלפֿן. אַ רײַכע פֿאַמיליע פֿון אַנטווערפּען, וואָס האָט מיך אַדאָפּטירט האָט אײַנגעלייגט וועלטן און אויסגעגעבן אַ פֿאַרמעגן מיר צו העלפֿן. זיי האָבן מיך געשלעפּט איבער גאַנץ אייראָפּע, פֿון איין פּראָפֿעסאָר צו אַ צווייטן. איך בין געלעגן אין פֿאַרשידענע שפּיטאָלן, ווײַל איך האָב זיך באַקלאָגט, אַז כ׳האָב שמערצן. אין

פּאַריז האָט אַ ספּעציאַליסט מגלה געווען פֿאַר מײַנע אַדאָפּטירטע עלטערן, אַז צום באַדויערן איז ניטאָ וואָס צו טאָן און ווען כ׳וועל אונטערוואַקסן וועל איך דאָס פֿילן. איך האָב, אָבער, שוין דאָס געפֿילט, ווען כ׳בין נאָך געווען אין אַ קינדערהיים. די ייִנגלעך פֿלעגן אַרויסנעמען זייער געשלעכט און זיך שפּילן, ביי ווען ס׳וועט פֿריִער שטיין. ביי מיר האָט דאָס קיין מאָל ניט פּאַסירט און די ייִנגלעך האָבן פֿון מיר געלאַכט, אַז איך בין ניט קיין מאַן און מיך גערופֿן ״טומטום.״

״אַמעריקע איז ניט אייראָפּע, – האָט זי געענטפֿערט, – מיר האָבן די בעסטע דאָקטוירים אין דער וועלט. איך בין זיכער, אַז דאָ וועט מען דיר העלפֿן. אויב דו ביסט מסכּים וועל איך איבעררעדן מיט מײַן טאַטן, ער איז דאָך אַ באַרימטער האַרץ־כירורג און ער קען אַ סך ספּעציאַליסטן פֿאַר אַלע מינים קראַנקהײַטן.״

״איך גלייב ניט, אַז עמעצער קען מיר העלפֿן. יעדן טאָג מוז איך נעמען פֿאַרשידענע מעדיקאַמענטן קעגן שמערצן.״

״איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, – האָט דאָס מיידל געזאָגט, – ווי עס זאָל ניט זײַן, וועל איך דיך תּמיד ליב האָבן, – און זי האָט אים ווידער באַשיט מיט הייסע קושן, – אָבער איך בעט דיך, מײַן טײַערער, זאָג מיר שוין ווי דו הייסט?״

״אין קורצן וועסטו וויסן.״

״פֿאַר וואָס אין קורצן און ניט איצט?״

״איך זאָג דיר צו, אַז אין געציילטע טעג וועסטו וויסן מײַן נאָמען.״

קיין סך איז זיי ניט געבליבן צו שלאָפֿן. די ערשטע איז אויפֿגעשטאַנען דאָס מיידל און איז אַרויס פֿון שטוב. ער איז איר נאָכגעלאָפֿן און זי גערופֿן בעת זי איז אַראָפּ פֿון די טרעפּ, –

״אַן, הײַנט אין אָוונט וויל איך דיך זען. איך פֿאַרבעט דיך אין אַ רעסטאָראַן אויף אָוונטברויט.״

מיט צוויי שעה שפּעטער איז ער שוין געזעסן, ווי שטענדיק, אויף די טרעפּ. ס׳איז געווען פּראָסטיק און לויטער, די זון האָט געשײַנט.

ניו־יאָרק מיט זײַנע וואָלקן־קראַצערס איז געשטאַנען שטאָלץ אין איר פּראַכט. די מענטשן, ווי מוראַשקעס, האָבן זיך געאײַלט שווײַגנדיק צו דער אַרבעט. טייל, נאָך פֿריִער, – אין די באַלויכטענע רעסטאָראַנען, כּדי אַרײַנצוכאַפּן אויף דער גיך דעם פֿרישטיק. אַרום האַלבן טאָג איז דער קלאָון פֿאַרשוווּנדן אויף אַ לענגערע צײַט. ער איז געזעסן אין אַ ביוראָ בײַ אַן אַדוואָקאַט. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט שוין דאָס מיידל אויף אים געוואַרט. ווי געוויינטלעך האָט ער צו איר ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. און דאָך האָט ער באַמערקט, אַז זי איז אָנגעטאָן עלעגאַנט און זעט אויס שענער ווי שטענדיק.

בײַ נאַכט זײַנען זיי געזעסן אין איינעם פֿון די באַרימטסטע פֿראַנצייזישע רעסטאָראַנען אויף דער הויכער ״איסט־זײַט״ פֿון מאַנהעטען און געגעסן וועטשערע ״aux chandelles״, בײַ ליכטלעך. ווען דאָס מיידל האָט באַשטעלט בײַם קעלנער ״filet mignion״, האָט ער צוגעגעבן: ״אויך אַ פֿלעשל "Muton Rotchild״ פֿון יאָר 1938. ווען זי האָט דערהערט, אַז ער באַשטעלט ״sol meunier" האָט זי זיך אָנגערופֿן צום קעלנער, – ״אויך פֿאַר מיר די זעלבע פּיש, sol meunier״.

״פֿאַר וואָס? – האָט ער זי געפֿרעגט, – אַז דו האָסט ליב פֿלייש, עס פֿלייש.״

״ניין, – האָט זי זיך פֿאַרעקשנט, – איך וועל עסן דאָס זעלבע וואָס דו.״

״אויב אַזוי, – האָט ער געזאָגט צום קעלנער, – ברענגט דאָס באַשטעלטע פֿלעשל ווײַן מיט נאָך צוויי גלעזלעך ווײַסן ווײַן "Emerald Riesling".״

ווען דער קעלנער איז אַוועק האָט ער צו איר געזאָגט, – ״זינט אוישוויץ עס איך ניט קיין פֿלייש.״

דאָס מיידל איז געווען אין גאַנצן פֿאַרכאַפּט און געפּילט ווי שטאַרק זי האָט אים ליב. זי האָט זיך געוווּנדערט ווי פֿריילעך און לוסטיק דער מענטש קען זײַן, אַ מענטש, וואָס האָט אַזוי פֿיל מיטגעמאַכט אין לעבן. מיט אַ מאָל האָט זי געבראָכן אַלע אָנגענומענע מאַנירן פֿון אַזאַ סאָרט רעסטאָראַנען. זי איז איבערגעלאָפֿן צו אים און אים געהאַלדזט און געקושט, אַז די געסט אַרום האָבן זיך אומגעקוקט. זיי ביידע זײַנען געזעסן אַרומגענומען, פֿאַרליבט, און געגעסן די וועטשערע. ער האָט איר דערציילט פֿאַרשידענע קאָמישע עפּיזאָדן פֿון זײַן קלאָונישער קאַריערע.

״ווען איך האָב אויפֿגעטראָטן אין בראָדוויי, בין איך געווען אַזוי שטאַרק צוגעלייגט, אַז כ׳האָב באַשלאָסן צו באַזוכן אַ באַרימטן פּסיכאָלאָג. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט ניט געוווּסט ווער איך בין. ער האָט מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ס׳פֿעלט מיר דאָס שׂימחת־החיים און מיר געגעבן פֿאַרשידענע עצות. ווען כ׳האָב שוין געהאַלטן בײַ אַרויסגיין פֿון זײַן קאַבינעט האָט ער מיר געגעבן די בעסטע עצה: Sir, – האָט ער צו מיר געזאָגט, – גיי זען דעם שטומען קלאָון, וואָס טרעט אויף אין בראָדוויי, דעמאָלט וועסטו אַ סך לאַכן, דאָס וואָס עס פֿעלט דיר.״

דאָס מיידל האָט אויסגעשאָסן מיט אַזאַ הילכיקן געלעכטער, אַז די געסט אַרום האָבן זיך ווידער אויף זיי אומגעקוקט מיט ערנסטע פּנימער.

"אַן, – האָט ער צו איר געזאָגט, – זײַ אַזוי גוט און שרײַב מיר אויף דײַן פֿאַמיליע־נאָמען מיטן אַדרעס און טעלעפֿאָן־נומער, – דערבײַ האָט ער אַרויסגענומען אַ נאָטיצן־ביכל מיט אַ בלײַפֿעדער."

"יאָ, – האָט זי אים געענטפֿערט, – אָבער בתּנאַי, אַז אויך דו וועסט מיר זאָגן דײַן נאָמען."

"אַן, – האָט ער זיך געבעטן, – איך האָב דיר שוין צוגעזאָגט, אַז אין קורצן וועסטו וויסן מײַן נאָמען, האָב אַ ביסל געדולד. אַן קאָנוויי, – האָט ער איבערגעלייענט אינעם נאָטיץ־ביכל, – דו האָסט באמת אַן עכטן יענקי־נאָמען. דו ווױנסט לעבן אוניווערסיטעט?"

"יאָ, מיט נאָך צוויי סטודענטקעס אין דער זעלבער וווינונג."

נאָכן מאָלצײַט זײַנען זיי אַרײַן אין אַ נאַכטקלוב. ער האָט באַשטעלט שאַמפּאַניער און זיי האָבן געזען אַ פֿאָרשטעלונג פֿון נאַקעטע מיידלעך מיט אַ פּאַיאַץ אַ קאַרליק, וואָס האָט זיך פֿלינק געדרייט צווישן די לאַנגע פֿיס פֿון די טענצערינס. די אַטמאָספֿער דאָ איז געווען אַ פֿרײַע, כמעט אַ ווילדע. דאָס מיידל איז אויף אים געזעסן האַלב בגילופֿין, אים געצערטלט און געזופּט דעם אײַז קאַלטע שאַמפּאַניער. ווען די געסט האָבן זיך צעטאַנצט, האָט זי אים צוגעצויגן צו דער עסטראַדע. צו איר איבערראַשונג איז ער געווען אַזאַ וווּנדערלעכער טענצער, אַז די געסט האָבן זיך צוגעקוקט ווי זיי טאַנצן, און זיי אַפּלאָדירט. אַהיים זײַנען זיי געפֿאָרן מיט אַ טאַקסי. קודם האָט ער זי צוגעפֿירט צו איר וווינונג.

דאָס מיידל, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס פֿון צו פֿיל טרינקען, האָט זיך געהאַלטן אין איין בעטן, אַז זי וויל די נאַכט

מיט אים פֿאַרברענגען. ער האָט איר געענטפֿערט... דאָס, וואָס ער האָט איר געענטפֿערט...

ווי נאָר ער איז אַהיים געקומען האָט ער זיך איבערגעטאָן אין זײַנע קלאָונישע בגדים און זיך גרימירט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש און אָנגעהויבן שרײַבן:

״מײַן טײַערע ליבע אַן. איך האָב באַשלאָסן זיך דאָס לעבן צו נעמען. איך וויל אומקומען גענוי ווי מײַנע טײַערסטע זײַנען אומגעקומען אין אוישוויץ, – פֿאַרגאַזט און פֿאַרברענט צו ווערן. אונטערן בריוו וועסטו געפֿינען אַ פֿאַרזיגלטן קאָנווערט מיט אַ צוואה, ווי אויך אַלע מײַנע דאָקומענטן. אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג געהערט צו דיר, בעיקר געלט אין צוויי בענק. איך בין זיכער, מײַן טײַערינקע, אַז דו וועסט אויספֿירן מײַן בקשה, אַז דעם פֿאַרגאַזטן קערפּער מײַנעם זאָל מען לאָזן קרעמירן.

ווען דו וועסט זײַן פֿרײַ פֿון די לימודים זאָלסטו פֿאָרן קיין אוישוויץ־בירקענאַו און דאָרט צעזייען מײַנע אַשעס, אַזוי ווי מע האָט צעזייט די אַשעס פֿון מײַנע טײַערסטע. איך דאַנק דיר, מײַן ליבע אַן. זײַ מצליח אין דײַן אויפֿגייענדיקן לעבן. אַדיע!

דײַן גבֿריאל זאָנענשײַן.״

ער האָט אויסגעטרונקען אַ פֿלאַש וויסקי, אויפֿגעמאַכט דעם גאַז פֿון דער קיך, אַרויסגעצויגן דעם שלאַנג און אים טיף אַרײַנגעשטופּט אין האַלדז אַרײַן.

צו מאָרגנס האָבן אַלע צײַטונגען מודיע געווען מיט גרויסע אותיות:

״דער קלאָון פֿון אוישוויץ האָט זיך אומגעבראַכט. ניו־יאָרק בייגט דעם קאָפּ פֿאַר דעם וווּנדערלעכן, שווײַגנדיקן קלאָון פֿון אוישוויץ, וואָס האָט אַזוי פֿיל פֿריילעכקײַט אַרײַנגעבראַכט אין אונדזערע הערצער.״

# זײַן[7]

מימאָדראַמע אין זעקס בילדער

געשטאַלטן:

יעקבֿ – אַ פּאַנטאָמימיקער, ניצול־געוואָרענער פֿון חורבן

האַלינקאַ – זינגערין אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, אַ געשטאַלט פֿון דעם עבֿר

*די אַקציע קומט פֿאָר אין ניו־יאָרק.*

*אין פֿאַרלויף פֿון דער פֿאָרשטעלונג וואָגלען די געשטאַלטן אין דעם עבֿר, צו די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אין דער תּל־אָבֿיבֿער דראַמאַטישער סטודיע אין אָנהייב פֿופֿציקער יאָרן, ווי אויך אין דער צוקונפֿט.*

---

[7] *רעדאַגירט פֿון מיכאל בן־אַבֿרהם*

## דאָס ליד פֿון הערשעלע

אוי, גאָט, פֿאַר וואָס זשע קומט עס מיר,
דאָס לעבן אָן אַ זין כ׳פֿאַרליר,
אַז אָן אַ גרענעץ איז מײַן פּײַן,
צו גאָרנישט וועט מײַן חלום זײַן.

אוי, ווי גער איך נאָך דער פֿרײַ
מיט פֿרײַנד און ליבע פֿון דאָס נײַ,
איך האָף און גלייב, וויש אָפּ די טרערן,
אַז ס׳וועט מײַן לעבן נאָך ליכטיק ווערן.
מיר האָבן לעדערמאַנען צום פּאַרטיילן ברויט,

מיר האָבן קאַופֿמאַנען טיילן זופּן־נויט,
מיר האָבן אַדון מארקן אויסציילן די רייען,
און היטן די קאַצעטלערס אין זייער אָך־און־ווייען.
ווײַל ס׳צילט דער לאַגער־קאָמענדאַנט אַיעדע שעה,
דער ייִד זאָל אויסזען שיין און קלאָר,
באַרויִקן די נערוון
ביז מען וועט פֿון אונדז מאַכן קאָנסערוון.

## ערשט בילד

אַ סטודיע פֿון אַ פֿאַנטאָמימיקער אין ניו־יאָרק. אויף דער בינע פֿון לינקס – אַ שטול און אַ קליין טישל מיט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט און אַ טעלעפֿאָן.

אויפֿן פּראָסצעניום – פֿון לינקס – אַ הענגער מיט פֿאַרשיידענע בגדים און רעקוויזיט: אַן עלעגאַנטער פֿרויען־הוט, קאָסטיומען פֿון טשאַרלי טשאַפּלין, אַ זשאַקעט, אַ שטעקן, אַ וואַנצע, אַ פּאַריק, אַן אָפּגענוצטער הוט.

*ווען עס לייַכטן אויף די פּראָזשעקטאָרן זיצט יעקבֿ אויף אַ שטול קעגנאיבער דער טעלעוויזיע. ער בייַט די קאַנאַלן און צום סוף שטעלט ער אָן דעם טעלעוויזאָר אויף אַ פּאָרנאָגראַפֿישן פֿילם. דער טעלעפֿאָן קלינגט. יעקבֿ הייבט אויף דאָס טרייַבל.*

יעקבֿ: האַלאָ?

די שטים פֿון דעם אימפּרעסאַריאָ פֿון הילכער:

Jacob, איך באַדויער שטאַרק. איך האָב נישט פֿאַר דיר קיין גוטע בשׂורות. דייַן פֿראַגמענט ״מאַלפּע, מענטש, מאַלפּע״ איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דורך דער קאָמיסיע אין וואַשינגטאָן, וואָס באַשעפֿטיקט זיך מיט גערעטעוועטע פֿון דער שואה. דו דאַרפֿסט פֿאַרשטיין, אַז דאָס פּובליקום... באַזונדערס די וויכטיקע פּערזענלעכקייַטן, ווי צום בייַשפּיל: דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, באַרימטע רבנים, באַקאַנטע קריסטלעכע גייַסטלעכע, האָליוווּד־סטאַרן... דו קענסט נישט ווייַזן אויף דער בינע, ווי אַ מאַלפּע פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ מענטש און פֿאַרקערט. איך פֿאַרשטיי, אַז דער פֿראַגמענט קומט פֿון דייַן לעבנס־דערפֿאַרונג אין קאָנצענטראַציע־לאַגער... דו דאַרפֿסט פֿאַרשטיין דעם פֿאָרזיצער... וואָס זאָל מען טאָן?

איך בין מיט אים אַבסאָלוט מסכּים. צווייטנס – דער פֿראַגמענט איז אויף אַן אמת פּעסימיסטיש, אַז אַפֿילו איך, וואָס פּערזענלעך האַלט איך דערפֿון, בין נישט אַזוי געוואַלדיק באַגײַסטערט... זאָג מיר, פֿאַר וואָס, צום בײַשפּיל, זאָלסטו נישט שפּילן אַ לץ אין די לאַגערן? דאָס קען זײַן זייער געלונגען. דו הערסט מיך?... אין פּאַנטאָמימע איז דאָס גאַנץ לײַכט צו מאַכן, און ווען דו גיסט נאָך צו אַ ביסל שוואַרצקינצלעריי, דזשאַנגלינג, וואָלט דאָס זייער גוט אָנגענומען געוואָרן בײַם עולם. דאָס איז אַ גאַנגבאַרע סחורה. גיב אַ טראַכט וועגן דעם און איך פֿאַרזיכער דיך, אַז קיין אַרבעט וועט דיר נישט פֿעלן. הער, Jacob, לאָז זיך אַרויס פֿון דער ״מאַלפּע, מענטש, מאַלפּע.״ זײַ מיר מוחל. בײַ!

*יעקבֿ לאָזט אַראָפּ דאָס טרײַבל און בלײַבט שטיין אויפֿן אָרט אַ צעטומלטער, ווי ער וואָלט געכאַפּט אַ זבענג איבערן קאָפּ. ער שפּאַנט אייניקע שריט הין און צוריק איבער דער בינע. ער דערנעענטערט זיך צום פּראָסצעניום און שטעלט זיך אָפּ. ער הייבט אויף פּאַמעלעך די אויגן צום עולם. פּלוצעם דערהערן זיך קלאַנגען פֿון אַ פּויק. צו ערשט שטיל און שפּעטער שטאַרקער און שטאַרקער. די ליכט בײַט זיך און קאָנצענטרירט זיך אויסשליסלעך אויף יעקבֿן. יעקבֿ פֿאַרוואַנדלט זיך פּאַוואָליע־פּאַוואָליע אין אַ מאַלפּע און שפּילט דעם פֿראַגמענט ״מאַלפּע, מענטש, מאַלפּע״ אין משך פֿון דרײַ מינוט. נאָכן פֿאַרענדיקן דעם פֿראַגמענט קערט זיך לאַנגזאַם אום די ליכט צום פֿריִערדיקן צושטאַנד. יעקבֿ זעצט זיך אַוועק אַ מידער אויפֿן שטול, ער קוקט אויפֿן פּובליקום אַ ביסל איראָניש.*

יעקבֿס קול, אויפֿגענומען אויף דער טאַשמע: יאָ, מען האָט מורא צו זען אַזעלכע זאַכן. אפֿשר איז דער עולם גערעכט? פּחדנים!

*יעקבֿ מאַכט אַ פֿאַנטאַמימע ״אַקוואַריום.״ ער גיט אַ קוק אויף זײַן האַנט־זייגערל און מאַכט אָפּן דעם ראַדיאָ. ער צעטאַנצט זיך אויף דער מוזיק, און נעמט אַרויס פֿון קוישל טרויבן און זעצט זיך אַוועק אויפֿן שטול.*

נײַעס־ספּיקר: איר הערט די ראַדיאָ־סטאַנציע W.K.- V.S., ניו־יאָרק. איר הערט דעם נײַעס־בולעטין פון רוי דזשאַנסאָן.

ניו־יאָרק: אַ שוידערלעכע פֿאַרקער־קאַטאַסטראָפֿע איז מיט איניקע מינוט צוריק פֿאָרגעקומען אויף דער ברוקלין־בריק. מען גיט איבער וועגן 4 דערהרגעטע, צווישן זיי צוויי קינדער.

לאָס־אַנדשעלעס, האָליוווּד: אַן אײַנדרוקספֿולער באַזאַר איז נעכטן פֿאָרגעקומען בעת דער דערעפֿענונג פֿון ווידעאָ־קליפּ פֿון דער באַרימטער זינגערין – מאַדאָנאַ. צום באַזאַר זענען געקומען באַרימטע האָליוווּד־סטאַרן. מיסיס מאַדאָנאַ האָט געטראָגן אַ דורכזיכטיק קלייד, וואָס האָט געבליאַסקעט מיט אמתע בריליאַנטן.

ווי מען גיט אונדז איבער איז דער נײַער טשאַפּלין־פֿילם אַ קאַנדידאַט צו באַקומען דעם אָסקאַר־פּרײַז.

סאַראַיִעוואָ, יוגאָסלאַוויע: די סערבישע אַרמיי האָט הײַנט באַשאָסן פֿון שווערער אַרטילעריע די שטאָט סאַראַיִעוואָ. מען טיילט מיט וועגן צענדליקער דערהרגעטע און פֿאַרוווּנדיקטע צווישן דער באַפֿעלקערונגג פֿון דער שטאָט.

מיטעלער מיזרח: אין דרום־לבנון (*יעקבֿ שטעלט אָפּ דאָס עסן און הערט זיך צו*) האָבן די ישׂראל־כּוחות באַשאָסן פּאָזיציעס פֿון חיזבאללא ווי אַ רעאַקציע אויף דער סעריע קאַטיושע־שאָסן אויף דער שטאָט קרית־שמונה אין גליל. לבנונישע קוואַלן גיבן איבער וועגן איין דערהרגעטן און צוויי פֿאַרוווּנדיקטע.

*מען הערט אַ סיגנאַל פֿון פֿאַרענדיקן די נײַעס. דער ראַדיאָ גייט אַריבער אויף רעקלאַמע.*

די נײַעס ווערן טראַנסלירט אונטערן פּאַטראָנאַט פֿון ״דערפֿאָלג.״

ספּיקער: ״דערפֿאָלג״ אין לעבן. אויס פּליך און אויס פּאַריקן! אויב דו האָסט אַ פּליך – זאָרג זיך נישט! ״דערפֿאָלג״ וועט דיר העלפֿן! אַ נײַע דערפֿינדונג, וואָס וועט פֿון דיר מאַכן אַ נײַעם מענטש! דײַנע פֿרײַנד וועלן אויף דיר קוקן מיט אַנדערע אויגן! פֿרויען וועלן דיר פֿאַלן צו די פֿיס! דײַן ווײַב און דײַנע קינדער וועלן דיך אין גאַנצן אַנדערש אָפּשאַצן! איין זאַך דאַרפֿסטו טאָן – אָנשמירן דעם פּליך! איין מאָל! מיטן פּראָדוקט פֿון דעם וווּנדערפֿלעשעלע ״דערפֿאָלג״ און אין איין מאָמענט וואַקסן דיר אויס געדיכטע האָר אין אַ פּרעכטיקער שעוועליורע... שיק אַרויס נאָך הײַנט אַ באַנק־טשעק אויף אַ סומע פֿון 99$ אויפֿן פּאָסט־קעסטל 0021 ניו־יאָרק, ניו־יאָרק 1130286.

*יעקבֿ כאַפּט דאָס פֿלעשעלע, וואָס שטייט לעבן דעם שפּיגל און הייבט דאָס אויף איבערן קאָפּ און איבער זײַן ברוסט. מיט אַ מאָל באַווײַזט זיך אויף זײַן קאָפּ אַ געדיכטע שעוועליורע. עס הערט זיך דאָס געזאַנג פֿון ״הללויה״ פֿון הענדעל.*

דער נײַער נאַכט־לאָקאַל ״לאַ־פּאַריזיען״ אין מאַנהעטן לייגט אײַך פֿאָר אַן ערשטקלאַסיקע פֿראַנצייזישע קיך ״אַלאַ קאַרט״. און אויף דעסערט – די עלעגאַנטע און סעקסועלע זינגערין, מאַדעמואַזעל ניקאָל, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק פֿון באַרימטן פּאַריזער נאַכט־לאָקאַל ״מולען־רוזש״. באַשטעל אַ פּלאַץ לויטן טעלעפֿאָן־נומער 212־8732־9832 . וווּאַלאַ, מאַדעמואַזעל ניקאָל.

*מוזיק. יעקבֿ נעמט אַראָפּ דעם הוט פֿון הענגער, טוט אים אָן און שפּילט מאַדעמואַזעל ניקאָל. ווען די מוזיק פֿאַרענדיקט זיך הערט מען אַפּלאָדיסמענטן. יעקבֿ שלײַדערט אַוועק דעם הוט.*

ספּיקער: ״חד־גדיא״. אַ נײַער פּריוואַטער שפּיטאָל האָט זיך נאָר וואָס אויפֿגעמאַכט אין מאַנהעטן, מיטן וועלט־באַרימטן פּראָפֿעסאָר

ווײַסטאָד, ספּעציאַליסט אויף אַלע סאָרט בויך־אָפּעראַציעס. איר קענט זיך פֿאַרבינדן טעלעפֿאָניש מיטן שפּיטאָל ״חד־גדיא״: 1800־77700008 אָדער 212־7877008.
אָט צײַגן מיר איצט דורך דער ראַדיאָ־וויזיע אַ מוסטער־אָפּעראַציע דורכגעפֿירט פֿון דעם באַרימטן פּראָפ׳ ווײַסטאָד.

*ווען יעקבֿ האָט בדעה זיך אַוועקצוזעצן הערט ער מיט אַ מאָל די שטים פֿון ספּיקער: ״בראַוואָ, Jacob! בראַוואָ! יעקבֿ דרייט זיך אויס, באַטראַכט מיט באַוווּנדערונג פֿון וואַנען עס קומט פּלוצעם די שטים פֿון ספּיקער. ער שליסט אויס דעם ראַדיאָ, אָבער עס הערט זיך נאָך אַלץ די שטים פֿון ספּיקער ״בראַוואָ, Jacob! יעקבֿ זעצט זיך צו אויפֿן שטול.*

די רעקאָרדירטע שטים פֿון יעקבֿן:

יאָ, דאָס איז דאָס וואָס אַלע האָבן ליב צו לאַכן. און טאַקע – פֿאַר וואָס דען נישט? דאָרט האָבן מיר נישט געלאַכט?... אַוודאי האָבן מיר געלאַכט. און נאָך ווי געלאַכט! מיר האָבן דען געהאַט אַ ברירה? אַז קיין טרערן זענען מער שוין נישט געווען, האָט מען געלאַכט.

## צווייט בילד

*פּלעשבעק. די באַלײַכטונג בײַט זיך. מען הערט מוזיק פֿון לאַגער. יעקבֿ אין לאַגער אַלס קינד. פֿון ווײַטן הערט מען דאָס קול פֿון האַלינקאַ. אָנגעטאָן אין די לאַגער־בגדים, זי זינגט אַ ייִדיש וויגליד. זי דערשײַנט אויף דער בינע. זי שטעלט זיך אַוועק הינטער יעקבֿן און טוט אים אָן אַ לאַגער־היטל.*

יעקבֿ: דער לאַגער... די באַראַקן. די באַראַקן פֿון די פֿרויען... די קרעמאַטאָריע... מען פֿאַרטיילט זופּ... אַ סעלעקציע *(יעקבֿ קנייַפּט זיך אין די באַקן ער זאָל אויסזען ווי אַ געזונטער).* מען נעמט אים... ווען נישט אים וואָלט מען מיך גענומען... אַ קאָנצערט... אינבערג דער פֿידלער... *(מוזיק)* אָט איז – הערשעלע *(ער זינגט אַ פּויליש לידל: ״פֿאַר וואָס קומט עס מיר?״ האַלינקאַ שליסט זיך אָן צום געזאַנג. זי דערנעענטערט זיך אַ ביסל).*

מיכאל דער שוטה. *(יעקבֿ דרייט זיך אויס, ער לאַכט היסטעריש)* מייַנע דאַמען און הערן! הייַנט האָבן מיר באַקומען אַ זופּ. מיט אַ פֿעטן ביין אין מיטן! ממש אַ דעליקאַטעס, כ׳האָב געמישט און געזוכט. געזוכט און געמישט. צום סוף האָב איך געפֿונען אַ גרויסן אוצר – אַ פּיצעלע קאַרטאָפֿל אין בערלין, אַ פּיצעלע קאַרטאָפֿל אין לאָנדאָן, און אַ פּיצעלע קאַרטאָפֿל אין מאָסקווע. שטעלט אייַך פֿאָר, אַז מ׳קען נאָך הייַנט געפֿינען אַ פּיצעלע קאַרטאָפֿל אין לאָנדאָן, אין מאָסקווע און אין בערלין. *(ער לאַכט מיט אַ היסטעריש געלעכטער, ווענדט זיך צום מוזלמאַן)* דו, מוזלמאַן! פּגר נישט אַוועק, וואָס פֿעלט דיר דאָ, אין דער סאַנאַטאָריע אין מיטן וואַלד, מיט אַזאַ גוטער לופֿט? וואָס דאַרפֿסטו מער? דו ביסט דאָך אין אַ גן־עדן. הער זיך צו צו די פֿייגעלעך דאָרט אויבן, טשיפּ... טשאַפּ... טשאַפּ... דו ווייסט, וואָס עס טוט זיך איצט אין אייראָפּע? בום... בום... בום... *(ער ווענדט זיך צו אַ צווייטן קאַצעטניק).*
וואָס? האָסטו נאָך הייַנט נישט געגעסן קיין גאָגעל־מאָגעל פֿון צוויי אייער מיט באָרעווקעס? זאָרג זיך נישט, אויך דאָס וועסטו קריגן. עס איז דאָך פֿאַראַן אין דער מעניו. זאָג אַ דאַנק דעם הער ד״ר ראָסט, דעם לאַגער־פֿירער. אַלץ איז אַ דאַנק אים. *(ווענדט זיך צום דריטן מוזלמאַן)* העי, דו, דו שטיק פּגר, וואָס איז מיט דיר? האַלט זיך אויף די פֿיס! עס איז כּדאַי צו לעבן, ווייַל איצט, מייַנע ליבע דאַמען און הערן, האָבן מיר אַ חשובֿן גאַסט פֿון אַמעריקע. דער

גאַליציאַנער טשאַרלי טשאַפּלין. ער שטאַמט פֿון מײַן שטעטל. איך בין מיט אים געגאַנגען אין חדר אַרײַן. זײַן נאָמען איז געווען שלמהלע טשאַפּלינסקי. און הײַנט הייסט ער טשאַרלי טשאַפּלין. *(עס הערט זיך מוזיק פֿונעם פֿילם ״מאָדערנע צײַטן.״ יעקבֿ דרייט זיך אויס , טוט אָן אַ מאַנטל, אַ הוט, אַ וואַנצע, נעמט אַ שטעקן און ווענדט זיך צום עולם ווי טשאַפּלין. ער גיט אַ פֿראַגמענט פֿון טשאַפּלינען. ער שפּילט היטלערן און ווידער טשאַפּלינען. ווען ער האַלט זיך בײַם פֿאַרנייגן – הערט מען אַ שאָס).* ער פֿאַלט פֿאַמעלעך. *(שטעקט אַרויס די צונג, נעמט אַראָפּ אַלע סימנים פֿון טשאַפּלין און פֿאַרוואַנדלט זיך ווידער אין אַ קינד).*

יעקבֿ: מען האָט דערהרגעט טשאַרלי טשאַפּלינען. איך זאָג מיר צו, אַז אויב איך וועל בלײַבן לעבן וועל איך תּמיד שפּילן טשאַפּלינען.

*האַלינקאַ דערנעענטערט זיך צום צענטער פֿון דער בינע און זינגט אַ סאַטיריש לידל וועגן לאַגער, קודם אין פּויליש און דערנאָך אין ייִדיש.*

יעקבֿ: דאָס איז האַלינקאַ, די באַרימטע זינגערין פֿון וואַרשע. אַלע זענען אין איר פֿאַרליבט און איך צום מיינסטן פֿון אַלע.

*האַלינקאַ זינגט דאָס ליד ״זאָל זײַן״ אויף ייִדיש.*

האַלינקאַ: זינט מען האָט מיך דערשאָסן... דאָרט אין וואַלד... געדענקט מיך קיינער נישט... מ׳האָט מיך פֿאַרגעסן... ווי כ׳וואָלט קיין מאָל אויף דער וועלט נישט געווען... נישטאָ מער קיינער, ווער עס זאָל מיך דערמאָנען. אַ דאַנק דיר, פֿרעמדער און מאָדנער מענטש, וואָס איך בין געבליבן בײַ דיר שטעקן... אין דײַנע געדאַנקען... אַ דאַנק... אַ דאַנק... אַ דאַנק... אַ דאַנק...

*האַלינקאַ נעמט צונויף די בגדים, דרייט זיך אויס און נוטשעט אַ וויגליד אין יידיש, און פֿאַרלאָזט די בינע.*

## דריט בילד

*אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.*

יעקבֿ: ברויט, ברויט, ברויט! *(ער זוכט מיט די אויגן עפּעס צו עסן. ער הייבט אָן צו לעקן די האַנט און זי בײַסן)* אַ פֿויגל! אַ פֿויגל! *(ער מאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט געוואָלט כאַפּן דעם פֿויגל און אים אויפֿעסן. פֿון ווײַטנס זעט ער עפּעס און רופֿט).* דער הונט! דער הונט "פֿון לאַגער־קאָמענדאַנט." מענטש! מענטש! קום אַהער! קום! קום! דו! דו! דו! דו, מענטש!!! "האַל דעם הונט דעם יודע!!!" איך האָב פֿאַר דיר מער נישט קיין מורא! אַההה!... איך עס דיך אויף!!! אַ פּולקע פֿון אַ הונט איז גוט! אַההה, אַההה, אַההה, אַההה...

*יעקבֿ מאַכט אַ באַוועגונג, אַז ער עסט כלומרשט אַ פּולקע. פּלוצעם געפֿינט ער אויף זײַן לײַב אַ לויז. ער כאַפּט די לויז און עסט זי אויף. אַ לויז נאָך אַ לויז.*

לײַז, לײַז, גוטע לײַז.

*ער הייבט אָן אײַנזאַפּן אין זיך די לופֿט מיט הנאה. ער זאָגט מיט אַ ווילדער באַגײַסטערונג:*

ממ... רויך, רויך, פֿלייש! פֿלייש! פֿלייש. *(קוקט אַראָפּ און זעט ווי אַ מענטש גוססט).* טאַטע! טאַטע! דאָס איז עס? פֿיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ... האָסט פֿאַרענדיקט דאָס לעבן?!

*ער דערנעענטערט זיך נעענטער צום טויטן קערפּער פֿון זײַן פֿאָטער און שטעלט זיך אַוועק אויף די קני.*

טאַטע! טאַטע! איך עס דיך! דו הערסט? איך עס דיך! ווײַל איך האָב דיך ליב! שטאַרק ליב! דו הערסט?! פֿאַר וואָס זאָל מען דיך סתּם פֿאַרברענען אין דער קרעמאַטאָריע? פֿאַר וואָס? דערצייל אָבער נישט דער מאַמען, אַז איך האָב דיך אויפֿגעגעסן. איך בעט דיך, דערצייל איר נישט! נעכטן האָסטו מיך באַשווירן איך זאָל נישט עסן קיין מענטשן־פֿלייש! אָבער איך בין אַזוי הונגעריק! טאַטע, איך בין הונגעריק!!!

טאַטע, טאַטעשי, דו געדענקסט? ווי מיר האָבן געטאַנצט אויף דער חתונה פֿון לאהלע? האָסט דעמאָלט געזאָגט, אַז אַלץ איז מן־השמים. אויך איצט איז אַלץ מן־השמים? טאַטע! אַלץ איז מן־השמים??? סימן־טובֿ און מזל־טובֿ און סימן־טובֿ!... משהלע! אונדזער משהלע. אוי, איז ער אויסגעפּאַשעט. ער אַרבעט אין דער ״זאָנדערקאָמאַנדאָ.״ עסט פֿלייש! פֿלייש... עסט ער. טאַטע, אונדזער משהלע איז געקומען דיך נעמען אין קרעמאַטאָריע. אונדזער טאַטן נעמט מען אין קרעמאַטאָריע...

אוי משהלע, האָסט מיר געבערענגט ברויט מיט מאַרמעלאַדע?

*ער כאַפּט דאָס ברויט מיט מאַרמעלאַדע און עסט דאָס.*

וואָס? אויך מיך אין קרעמאַטאָריע?
איך לעב דאָך נאָך! האָסט באַקומען אַ באַפֿעל? אָבער איך לעב דאָך נאָך!

שלאָג מיך נישט. משהלע־קרוין, שלאָג מיך נישט!

מענטש, לאָז מיך אויפֿעסן דאָס שטיקל ברויט! שלאָג מיך נישט! שלאָג נישט! איך גיי, איך גיי, איך גיי.

## פֿערט בילד

*אַ טעלעפֿאָן־קלונג רײַסט איבער דעם פֿלעשבעק. ליכט־ענדערונג. יעקבֿ הערט פּלוצעם די שטים פֿון היטלערן. ער דערשרעקט זיך און פֿאַרמאַכט דאָס טרײַבל. ווידער קלינגט דער טעלעפֿאָן.*

די שטים פֿון אימפּרעסאַריאָ:

האַלאָ, Jacob. וואָס איז מיט דיר? דו שלאָפֿסט? הער זיך אײַן, חבֿרל. כ׳האָב פֿאַר דיר אַ ווילדן דזשאָב. דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר? מאַני! מאַני! מאַני! געלט! אַ סך געלט! הײַנט זיבן אַ זייגער. אין ״וויסטאַ־האָטעל״ דו וועסט דערלאַנגען דײַן באַרימטן נומער ״טשאַרלי טשאַפּלין״ אויף אַ קבלת־פּנים פֿון דער ניו־יאָרקער מוניציפּאַליטעט לכּבֿוד דער מיס אוניווערס. עס וועט דיך באַגלייטן אַ גרויסער אָרקעסטער. עס וועלן דאָרט אויפֿטרעטן פֿאַרשיידענע באַרימטע זינגערס און טענצערס... דײַן פֿראַגמענט וועט דויערן אַרום 6 מינוט. בקיצור, זײַ גרייט הײַנט 7 אין אָוונט אין ״וויסטאַ־האָטעל״ 106סטער שטאָק. וואַרט אַ מינוט. נאָך עפּעס. דו האָסט באַקומען דעם דזשאָב צו שפּילן טשאַרלי טשאַפּלין אין אַ רעפּרעזענטאַציע־פֿילם פֿון דער פֿירמע ״וועסטינגהאַוז.״

אויך אין IBM פֿרעגט מען אויף דיר, דו הערסט? דו וועסט אַליין, מײַן טײַערער, זען אויף וויפֿל איך בין גערעכט. די פּראָדוצירער האָבן ליב בלויז דײַנע קאָמישע סצענעס אין דער פּאַנטאָמימע און נישט די שואה. אויב דו וועסט זיך צוהערן צו מיר, וועט אין באַנק בײַ דיר ליגן אַ פֿעט פעקל געלט און פֿאַר דײַן טיר אַ מערצעדעס. נאָר פֿאַרלאָז, למען השם, די שואה, פֿאַרגעס אין איר, דאָס איז סתּם פּטרן די צײַט און ענערגיע... דעם עיקר שכחתי, הײַנט דערשײַנט דײַן בילד אויף אַ גאַנצער זײַט אין ״New York Post״

מיט אַן אויסגעצייכנטער קאָרעספּאָנדענץ וועגן דיר. האַלט דעם קאָפּ אין דער הייך! זײַ געזונט! בײַ!

## פֿינפֿט בילד

*עס לאָזט זיך הערן דאָס קינדער־לידל „אודי חמודי״ און דערנאָך די רעקאָרדירטע שטים פֿון יעקבֿן:*

ווען איז דאָס געווען? אָ, יאָ, ערגעץ אָנהייב 50ער יאָרן אין דער דראַמאַטישער סטודיע פֿאַר אַקטיאָרן אין תּל־אָבֿיבֿ.

די רעקאָרדירטע שטים פֿונעם רעזשיסער:

דער קומענדיקער עקזאַמענירטער, ביטע, אַרײַנקומען. ווי הייסטו? אָ, יאָ, יעקבֿ. בײַ מיר איז דאָ פֿאַרצייכנט, אַז דו ביסט געווען אין עליית־הנוער אין קיבוץ. שפּעטער – אין פּלי״ם, דו האָסט געקעמפֿט אין דער באַפֿרײַונגס־מלחמה... יפֿה, יפֿה. אַלזאָ, וואָס האָסטו צוגעגרייט פֿאַר דעם עקזאַמען? אַהאַ, איך זע שוין: דעם מאָנאָלאָג פֿון „האַמלעט״. זייער שיין, לאָמיר זען.
*יעקבֿ שטייט אין מיט פֿון דער בינע אין פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס. ער פּרוּווט זיך קאָנצענטרירן.*

יעקבֿ: זײַן אָדער נישט זײַן, דאָס איז די פֿראַגע!

די שטים פֿונעם רעזשיסער: גענוג... גענוג... דאָס איז נישט שעקספּיר און נישט האַמלעט. און אַוודאי נישט קיין שחקן עבֿרי. דו זאָגסט עס אַזוי ווי דער גאַנצער גלות וואָלט געלעגן אויף דײַנע פּלייצעס, ווי וואָלטסט געשלעפּט אויף זיך אַ הויקער פֿון 2000 יאָר גלות. *(יעקבֿ באַקומט אַ פֿאַרקריפּלטע פֿאָרעם און אויף זײַן פּלייצע באַווײַזט זיך אַ הויקער)*. זײַ וויסן, אַז מיר זענען שוין מער נישט די

פּחדנותדיקע ייִדן פֿון אַ מאָל. מיר בויען איצט אַ נײַ לאַנד, מיט אַ נײַ פֿאָלק. מיר ווילן מער נישט זײַן קיין נעבעכדיקע ייִדן, וואָס מ׳האָט אויף זיי רחמנות. נעבעכדיקע ייִדן, ווייסטו דאָך וווּהין זיי גייען... איך דאַרף דיר דאָס נישט דערציילן... דו קומסט דאָך פֿון דאָרט... מיר ווילן מער נישט קיין פֿאַרקריפּלטע אַקטיאָרן אויף אונדזערע בינעס. נאָר שטאָלצע אַקטיאָרן! שטאָלצע ייִדן! האַמלעט מיט אַלע זײַנע קאָמפּלעקסן איז פֿאַרבליבן אַ שטאָלצער פּרינץ. אַ זון פֿון אַ שטאָלץ, שטאַרק און געזונט פֿאָלק. ביטע, פּרוביר נאָך אַ מאָל.

*יעקבֿ (אויפֿן ראַנד פֿון פֿאַרצווייפֿלונג שפּרינגט אַרויף אויף אַ בענקל מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד):*

זײַן אָדער נישט זײַן, דאָס איז די פֿראַגע.

זײַן רעקאָרדירטע שטים: אַ רגע בלײַב איך שטיין ווי אַ תּם, גרייט צום קאַמף און דערזע פֿאַר זיך דעם לערער מיט אַ הויקער. איך הייב די פֿיס און לויף אַרויס אויף דער גאַס. אַלץ אַרום איז פֿאַרהויקערט. די מענטשן, די הײַזער, די גאַסן, דער הימל...

איך האַלט אין איין לויפֿן איבער די חורבות פֿון תּל־אָבֿיבֿ, וואָס דער פֿעלדמאַרשאַל ראָמעל האָט פֿאַרוויסט נאָך אין 1942. פֿון דער ווײַטנס שטייט נאָך דער ריזן־קוימען פֿון דער קרעמאַטאָריע, וווּ מ׳האָט אומגעבראַכט די ייִדן פֿון ארץ־ישׂראל. דער הימל איז נאָך רויט און שוואַרץ פֿונעם פֿײַער און רויך. בלויז אַ קאַראַוואַן פֿון בעדויִנער און קעמלען גייט פֿאַרבײַ איבער די זאַמדן פֿון דער שטאָט. איך בלײַב שטיין אויף אַ רגע פֿאַר אַ פֿאַרברענטן קיאָסק, וווּ מען האָט פֿאַרקויפֿט ייִדישע צײַטונגען, מיט אַן אויפֿשריפֿט: ״עבֿרי דבר עבֿרית!״

## זעקסט בילד

*קומט פֿאָר אין דער צוקונפֿט.*

דער ספּיקער: איר הערט .W.K.- V.S, ניו־יאָרק. עס רעדט צו אײַך רוי דזשאָנסאָן. דער זייגער איז איצט 2 אַ זייגער מיטאָגצײַט, 1טער אַפּריל 2051. *(ליכט־ענדערונג)*. איידער מיר טראַנסמיטירן די נײַעס וויל איך אײַך, ליבע צוהערערס, דערמאָנען, אַז היינט, דעם 1טן אַפּריל פֿײַערן מיר דעם 119טן געבוירן־טאָג פֿון גרויסן און באַרימטן פֿאַנטאָמימיקער Jacob. *(יעקבֿ פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ זקן)*. ער איז באַרימט געוואָרן ווען ער איז אַלט געווען 85 יאָר – אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט. זינט דעמאָלט אָן האָט ער געמאַכט אַ וווּנדערלעכע קאַריערע. דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט און דער בירגער־מײַסטער פֿון ניו־יאָרק שיקן אים איבער די האַרציקסטע באַגריסונגען, און מיר אַלע שליסן זיך אָן צו זיי און ווינטשן אים, לויט דער ייִדישער טראַדיציע – עד מאה ועשׂרים. *(יעקבֿ דער זקן זעט אויס ווי נישט צופֿרידן. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ״ניין.״ דער ספּיקער באַמערקט, אַז ער האָט אים געווּנטשן בלויז איין יאָר לעבן)*. זײַ מיר מוחל, Jacob, וואָס כ׳האָב דיר געווּנטשן נאָר איין יאָר לעבן. אַלזאָ, מיר ווינטשן דיר ביז הונדערט און פֿופֿציק. *(יעקבֿ איז צופֿרידן)*. און איצט צו די וויכטיקסטע נײַעס אין קורצן:

מיט צוויי שעה צוריק, גענוי 12 אַ זייגער בײַ נאַכט לויט דעם אַמעריקאַנער זייגער, איז פֿאַרניכטעט געוואָרן די לעצטע נוקלעאַרע באָמבע אין דער וועלט. די דרײַ מנהיגים פֿון גרויסמאַכטן – דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, דער פּרעזידענט פֿון דער רוסישער פֿעדעראַציע און דער פּרעזידענט פֿון פֿאָלקס־כינע האָבן זיך אַרומגענומען און געדריקט די הענט. און

דאָס אַלץ איז צושטאַנד געקומען אין מאָדערנער און וווּנדערלעכער רוימפּלי־סטאַנציע, וואָס איז אויפֿגעבויט געוואָרן אַ דאַנק דעם בשותּפֿותדיקן אָנשטרענג. אַ דאַנק דעם שלום, וואָס הערשט איצט אין דער וועלט.

אין מיטעלן מזרח: ישׂראל, סיריע, יאָרדאַניע. לבנון און די פּאַלעסטינער האָבן פּראָלאָנגירט זייער שלום־אָפּמאַך. די טעג איז געוואָרן 25 יאָר זינט דעם הסכּם, וואָס האָט געענדערט די לאַגע אין מיטעלן מיזרח און האָט אים פֿאַרוואַנדלט אין אַ בליִענדיקן גן־עדן.

דאַקעגן, אין איראָפּע גייען אָן שווערע קאַמפֿן צווישן די פֿאַראייניקטע איראָפּייִשע אַרמייען און די פֿאַראייניקטע מוסלמענישע מיליטער־כּוחות. פֿון לאָנדאָן גיט מען איבער, אַז אַמסטערדאַם איז שוין אין די מוסלמענישע הענט. די פֿאַראייניקטע איראָפּייִשע רעגירונג באַשולדיקט ישׂראל אין מיליטער־הילף לטובֿת די מוסלמענישע כּוחות. ישׂראל לייקנט דאָס אָפּ. די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע און ענגלאַנד האַלטן זיך, ווי מיר ווייסן, נעוטראַל.
דאָס איז דער סוף פֿון די נײַעס. מיר קומען צוריק מיט די נײַעס 3.00 אַ זייגער נאָך מיטאָג.

לויט דער בקשה פֿון אַ גרעסערער צאָל צוהערערס טראַנסמיטירן מיר אַ מוזיקאַלישן פֿראַגמענט, וואָס איז אַ באַשטאַנד־טייל פֿון אַ סטריפּטיז־סצענע, וואָס ווערט באַגלייט דורכן באַקאַנטן פֿאַנטאָמימע־קינסטלער Jacob.

*מוזיק. יעקבֿ הייבט אָן טאַנצן און אַ טעלעפֿאָן־קלונג רײַסט איבער דאָס טאַנצן. יעקבֿ שליסט אויס דעם ראַדיאָ און גייט צו צום טעלעפֿאָן.*

יעקבֿ: האַלאָ?

דער אימפּרעסאַריאָ: ווער רעדט? דאָס ביסטו, Jacob, האַ? וואָס מאַכסטו זיך נאַריש מיט דער פֿאָרשטעלונג ״זײַן.״ צום באַדויערן האָט דער פּראָדיוסער אָפּגעוואָרפֿן דײַן פֿאָרשטעלונג. לויט זײַן מיינונג, איז דער פּובליקום נישט פֿאַראינטערעסירט צו זען אַ פֿאָרשטעלונג, אין וועלכער עס איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל שואה. אין בראָדוויי וויל מען זען אַ שאָו... וויפֿל מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט, און דו ווילסט אַלץ נישט פֿאַרשטיין. הער זיך צו, דו ביסט נאָך אַ ״גרינער״ אין דער גאָלדענער מדינה... פֿאַר וואָס זאָלסטו זיך נישט צופּאַסן צו דעם געשמאַק פֿון עולם? אויב דו וועסט זיך נישט צופּאַסן קען איך דיך נישט פֿאַרקויפֿן. וועסט אפֿשר זײַן אַ קינסטלער (*יעקבֿ לאָזט אַראָפּ דאָס טרײַבל*) אָדער וועסט שטאַרבן פֿון הונגער... דו הערסט מיך? ווּ ביסטו? דו ביסט אויף אַן אמת אַ מטורף. איך אַרבעט מער נישט מיט דיר! ווּהין אַנטלויפֿסטו? הײַנט האָסטו באַקומען אַ פּרעכטיקע, ווונדערלעכע רעצענזיע אין דער ״New York Times״, דאָס איז מער ווערט ווי אַ מיליאָן דאָלאַר. פֿאַר וואָס הערסטו זיך נישט צו? איך האָב קאָנטראַקטן פֿאַר דיר... איך פֿאַרליר אויף דיר אַ סך געלט. ביסט אַ משוגענער! אַ משוגענער!

*יעקבֿ לייגט אַרויף אַ רויטע פּילקע אויף זײַן נאָז. לאַכט היסטעריש און וויינט אין דער זעלבער צײַט. ער לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ אויף דער בינע, קאָרטשעט זיך אײַן ווי אַן עופּהלע און ווערט אַנטשוויגן.*

**פֿ אָ ר ה אַ נ ג**



# אינהאַלט:

*מיכאל פֿעלזענבאַום, אַ קינד מיט טרויעריקע אויגן ... 5*

יהושוע ... 7

דער נאַרישער יוזעק ... 43

כ׳בין געווען אַ הונט ... 55

דער באַנדיט ... 61

דער גזר־דין ... 67

מײַן מענאַשקע ... 73

דעם טאַטנס אורחים ... 81

אַלטאַלענאַ ... 91

דער לאָך ... 95

דער קלאָון פֿון אוישוויץ ... 97

זײַן ... 123

*משה הימיין. צייכענונגען אויף די זײַטלעך:*

6. 60, 80, 90, 140, 142



## פֿון זעלבן מחבר:

״איך און למך״, ראָמאַן, ישׂראל בוך, תּשנ״ה, 1994

״אָפּגעגעבן ברויט״, דערציילונגען, י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, תּשנ״ו, 1996

״אַ פֿיש האָט מיך נישט אײַנגעשלונגען״, דערציילונגען, י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, תּשס״ג, 2003

*אויף העברעיש:*

״לחם נקמות״, זמורה ביתן, תּשס״ב, 2002, פֿון ייִדיש: יעקב בסר

״סליחה שהרגתי אותך, זמורה ביתן, 2008, פֿון ייִדיש: שלמה צוקר

*אויף פּויליש:*

Zwi Kanar, **Ryba mnie nie połknęła**, Lublin: Norbertinum, 2007 (tł. z jid.:Szoszana Raczynska; przygot. do dr.: Sabina Andraczyk

*אויף דײַטש:*

Zwi Kanar, **Jona oder A Fish hot mikh nisht ayngeshlungen**, Goldenbogen, 2011, (uebersetzung: Stefan-Ludwig Drechsler, Herausgeber: Michael Rockstroh)



## ביבליאָטעק פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור

ישׂראל נעקראַסאָוו, ״אָפּגעברענטע שטעט״, לידער, 2015

פֿעליקס חיימאָוויטש, ״רעדן מיט עכאָ״, לידער, 2016

זיסי ווייצמאַן, ״אַ פֿריילעכער רעגן״, לידער, 2016

באָריס קאַרלאָוו, ״אָנגעצויגענע סטרונע״, לידער, 2016

הערשל־צבֿי כּנר, ״דער קלאָון פֿון אוישוויץ״, דערציילונגען, 2016